STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00466

# DI GEHEYME DRUKERAY

Isaac Kowalski

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Leah & Shirley (Tziril Basia)*
*in memory of*
*their parents, Sol Dubin from Hosht & Yetta Luger Dubin from Kretchinev*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק קאָוואַלסקי

# די געהיימע דרוקעריי
## פון יידישן אונטערגרונט
## אין
## ליטע און ווייס־רוסלאַנד

מיט אַ הקדמה
פון
אייזיק רעמבאַ
און
דר. נ. סווערדלין

ניו־יאָרק תשי״ד 1953

Isaac Kowalski

# DI G E H E I M E DRUKEREI FUN YIDISHN UNTEHGRUND

●

# THE S E C R E T P R E S S OF THE YIDDISH UNDERGROUND MOVEMENT

Copyright, 1953, by
ISAAC KOWALSKI

Printed in U. S. A. by
GRENICH PRINTING CORP. 151 WEST 25th STREET NEW YORK, N. Y.

# לזכרון

פון מיין פאָטער **שמשון**, מיין מוטער **רחל־לאה**, מיין שוועסטער **ליובאַ**, איר חתן **הערץ בערזאַק**, מיין ברודער **אינזשינער אהרן**, זיין קינד **ראובן׳לע** און זיין פרוי דער בת־הרב **גיטא** (געבוירענע **האַלפּערין**), וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אין אַ באַהעלטעניש אַ מאָנאַט נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, אַן ערך דעם 23טן אָקטאָבער 1943 און דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן און פון אַלע איבעריקע משפּחה־מיטגלידער, חברים־ות, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס און זייערע אַרויסהעלפערס, אומעטום, וואו די דייטשע אַרמייען האָבן צייטווייליק געהערשט.

דער מחבר.

איבערדרוקן די דאָזיקע אויסגאַבע — אָן דער דערלויבעניש פון מחבר — איז
פאַרבאָטן.

אַדרעס פון מחבר:
ISAAC KOWALSKI
100 Broadway, Brooklyn 11
New York, U. S. A.

# הקדמה

אין פאַריז, אין דער הויז אויף דער גאַס גי־פּאַטין נומ. 9, וואו עס האָבן געפונען אַ מקום־מקלט די ייִדישע שרייבער, זשורנאַ־ליסטן און כלל־טוער, וועלכע האָבן זיך בדרך־נס געראַטעוועט פון די נאַצישע נעגל, האָב איך דעם ערשטן מאָל געטראָפן יצחק קאָוואַלסקין. אַ שטילער, באַשיידענער, פּרעטענסיאָנסלאָזער יונגערמאַן, נידעריק־געוואוקסיק און דאַר, כמעט נאָך אַ ייִנגל, האָט ער וועגן זיך קיינמאָל נישט גערעדט. כמעט אַלע לעבנס־געבליבענע פון דער היטלער־הריגה האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן פון יענע גרויזאַמע טעג. קאָוואַל־סקי האָט גאָרנישט דערציילט. אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ מענטש אָן אַ ביאָגראַפיע. אין אַ פּאַריזער ציוניסטישער צייטונג, מיט וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז געווען פאַרבונדן, האָט קאָוואַלסקי מיטגעאַרבעט אַלס זשורנאַליסט און האָט געשריבן לעבעדיקע רע־פּאָרטאַזשן וועגן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך, אונטערן פּסעוודאָנים י. ווילנער. אויך דער פּסעוודאָנים איז געווען כאַראַק־טעריסטיש, פאַר זיין באַשיידנקייט. ער האָט עס נישט געהאַלטן פאַר חשוב אָנצוגעבן זיין אייגענעם נאָמען. אָבער פון פּסעוודאָנים האָב איך געפונען פּעדים, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו דער אויפדעקונג פון אַן אומגעהויערן דראַמאַטישן קאַפּיטל, וועלכער איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

י. ווילנער איז ער, הייסט עס. און ווען ס'איז אַריינגעפאַלן צו מיר אין האַנט אַ בוך וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ישראל, חיים לאַזאַרס „חורבן ומרד" (חורבן און אויפשטאַנד) און דאָרט געפונען אַ קאַפּיטל פון העראָאיזם פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין ווילנער געטאָ מיט קאָוואַלסקיס אַ פּאָטאָגראַפיע, האָב איך פּלוצלונג דערפאַרן, אַז דער שטילער, איידעלער בחור, איז אייגנטלעך אַ גרויסער העלד, אַ גיבור אין פולן זין פון וואָרט, וועלכער האָט אין די געפערלעכע

קריגס־יאָרן זיך מקריב געווען פאַרן יידישן כבוד. און מקריב געווען נישט איינמאָל, נאָר יעדן טאָג און יעדע שעה, אייגנטלעך יעדע מינוט פון זיין לעבן. וויניקע האָבן געוואוסט, אַז עס גייט אַרום צווישן אונדז אַ העלד, וועלכער האָט אָנגעשריבן — נישט מיטן פּען, נאָר מיט אי־בערמענטשלעכער הקרבה — אַ וואונדערבאַרע בלאַט אין דער גע־שיכטע פון יידישן קאַמף.

***

ווען כ׳האָב זיך אָנגעהויבן נענטער פאַראינטערעסירן מיט דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן היטלערס רעזשים, האָב איך געפונען קאָוואַלסקיס נאָמען דערמאָנט אין אַלע מעמואַרן וועגן יענע טעג. געשריבענע פון מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אונטערגרונד־קאַמף. עס האָט מיר איבערראַשט, איך מוז מודה זיין, אַ זאַך וואָס איז אַ זעלטנהייט אין אונדזער געזעלשאַפט־לעכן לעבן: וועגן קאָוואַלסקיס טייל אין ווידערשטאַנד האָבן געשריבן מיט באַגייסטערונג מענטשן פון אַלע פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס. עס האָט געשריבן, ווי אויבן ציטירט, דער רעוויזיאָניסט חיים לאַזאַר. עס האָט וועגן אים דערציילט רוזשקאַ (די פּאַרטיזאַנערין רייזל קאָרטשאַק, אַ מיטגליד פון מפ״ם) אין איר בוך „להבות באפר״, און עס האָבן אים געווידמעט קאַפּיטלען די פּאַרטיזאַנער־שרייבער אברהם סוצקעווער אין זיין בוך „ווילנער געטאָ״ און ש. קאַטשערגינסקי אין „פּאַרטיזאַנער גייען!..״. אין „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, ווידמעט אים אַ קאַפּיטל דר. מאַרק דוואָרזשעצקי, דער מפא״י־מיטגליד.

וואָס האָט דען יצחק קאָוואַלסקי געטאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן די פאַרערונג צו אים פון אַלע טיילן פון דער יידישער פירערשאַפט אין געטאָ? בלויז אַ ביסל, מיט צוריקגעהאַלטנקייט ווי זיין שטייגער, שילדערט קאָוואַלסקי אַליין אין דעם דאָזיקן ביכל, וועלכן דער לעזער האַלט אין האַנט. אָבער ער אַליין דערזאָגט נישט פיל. און ס׳איז אַ שאָד, וואָס ער דערציילט נישט אַלץ. ווייל דער פּרק פון דער יידישער געהיימער דרוקעריי אין ווילנער געטאָ, פון וועלכן קאָוואַלסקי איז דער הויפּט־העלד, וואַרפט אַ שטראַל מיט ליכט אויפן יידישן קיבוץ אין ירושלים־דליטא אין יענע מוראדיקע טעג, וועלכע ווערן צום באַדויערן איצט פאַרגעסן.

יצחק קאָוואַלסקי, וועלכער איז נאָך קיין צוויי און צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען, ווען די נאַצישע האָרדעס האָבן פאַרנומען ליטע, נעמט אויף זיך די איניציאַטיווע צו גרינדן אַן אונטערערדישע דרוק־

קעריי און גיט אַרויס צייטונגען, פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן, קעגן די נאַציִשע אָקופּאַנטן און כדי אויפצומונטערן די נידערגעשלאָגענע יידישע באַפעלקערונג אין געטאָ. און דאָס אומגלויבלעכסטע אין דעם אַלעם איז, אַז די דרוקעריי שטעלט ער אויף פון אַ נאַציִשער דרוקעריי־אונטערנעמונג, אין וועלכער ער איז באַשעפטיקט אַלס שריפט־זעצער. יעדן טאָג, יעדע שעה ריזיקירט ער מיט זיין לעבן, און אונטער די אויגן פון זיינע נאַציִשע באַלעבאַטים טראָגט ער אַרויס שטיקער פון אַ דרוק־מאַשין, שריפט, און די גאַנצע אויסשטאַטונג, און ער אַליין דרוקט דעם מאַטעריאַל פון דער אונטערגרונד. די נאַציִשע געהיים־פּאָליציי מיט אירע פּוילישע, ליטווישע און צו אונדזער טיפן ווייטיק אויך יידישע משרתים, לייגן איין וועלטן, צו דערגיין וואו עס געפינט זיך די געהיימע דרוקעריי און ווער עס אַרבעט אין איר. פיל מאָל איז קאָוואַלסקין געשטאַנען דער טויט פאַר די אויגן, אָבער אַ נס ראַטעוועט אים יעדעס מאָל. דער גוטער מזל באַגלייט אים אויף זיין וועג, און ער פירט אויס זיין ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, וואָס האָט אַרויס־גערופן די גרעסטע שטוינונג, ביז דער געטאָ איז ליקווידירט גע־וואָרן, און קאָוואַלסקי מיט די לעבן־געבליבענע זיינען אָפּגעטראָטן אין וואַלד, אָנצוהייבן די צווייטע סטאַדיע פון גבורה: דעם פּאַרטיזאַנען־קאַפּיטל, כדי מיט פייער און שווערד נקמה צו נעמען פון די תליונים, פאַרן יידישן בלוט וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן טייכנווייז.

⁂

כדי אָפּצושאַצן די חשיבות פון יצחק קאָוואַלסקיס אויפטו, איז גענוג צו ציטירן אַ פראַגמענט פון ש. קאַטשערגינסקיס בוך „פּאַרטיזאַנער גייען!..". אַט אַזוי דערציילט ער אין קאַפּיטל „ווייס געווער":

„די אָנפירער פון ווילנער געסטאַפּאָ בראש מיט ווייס, קיטעל, ניי־געבוירן, פאָלהאַבער ברעכן זיך דעם קאָפּ: וואו געפינט מען די געהיימע דרוקעריי אין שטאָט, וואָס לאָזט אַרויס אַלע ווילע אַנטי־היטלעריסטישע צייטונגען, אויפרופן אין פּויליש, ליטוויש, רוסיש און דייטש?

זיי וואָלטן מיט גאָלד פאַרשאָטן דעם יעניקן, וואָס וואָלט זיי כאָטש אָנגעוויזן די שפּורן וואָס זאָלן פירן צו דער דרוקעריי, אָדער צו די וועלכע פירן זיך מיט דעם. אָבער אַפילו די פאַרשפּרייטער איז אוממעגלעך צו כאַפּן. גייסט אַרויס פאַרטאָג אין גאַס און דו זעסט די טויערן פאַרקלעפּט מיט אויפרופן, מען זאָל ניט פאָרן אויף קאַטאָרגע אין דייטשלאַנד און זיך אויס־באַהאַלטן, מען זאָל זיך ניט לאָזן מאָביליזירן אין דער אַרמיי, אַ רוף צו

די דייטשישע סאָלדאַטן, אַ רוף צו די אַרבעטער לאַנגזאַמער אַרבעטן און צו סאַבאָטירן. אָפט טרעפט, אַז וויס דערזעט אָפילו אַזאַ אויפרוף ביי זיך אויפן טיר, אויף דער קאַשטאַן־גאַס, און נישט נאָר אויף די ווענט, אָפט־מאָל ברענגען אָפיצירן אין געסטאַפּאָ אַזעלכע אויפרופן און דערציילן, אַז דאָס האָבן זיי געפונען ביי זייערע סאָלדאַטן אין די קעשענעס.

עס העלפט נישט דער טעראָר. ס'העלפן נישט די פּלוצלונגדיקע רע־וויזיעס אין די דרוקערייען און דאָס דראָען די "דרוקעריי־אַרבעטער מיט תפיסה.

דאָס ווייסע געווער, ווי אַלע רופן אָן די אומלעגאַלע אַנטי־היטלעריס־טישע אויסגאַבעס טוט זיך דאָס איריקע. די היטלעריסטן־אָנפירער ברעכן זיך דעם קאָפּ: ווי כאַפּט מען זיי, די באַנדע?

די ווירקונג פון די פּאַרטיזאַנישע אויפרופן איז אַ קאָלאָסאַלע. ס'גייט דורך פון האַנט צו האַנט, פון קעשענע צו קעשענע. דאָרט וואו קיין הייס־געווער קען נישט דערגרייכן, קען ווייניק וואָס אויפטאָן, טוט אויף דאָס ווייסע געווער, דאָס געווער פון ייִדישן פּאַרטיזאַן יצחק קאָוואַלסקי".

דער ציטאַט איז נאָר אַ טייל פון דעם קאַפּיטל, וואָס קאַטשער־גינסקי דערציילט וועגן יצחק קאָוואַלסקין. פון אַנדערע קוועלן דער־וויסן מיר זיך, אַז די אונטערערדישע צייטונגען זיינען נישט קאָוואַל־סקיס איינציקער אויפטו. זיין מוח אַרבעט אומאויפהערלעך אויף צו שאַפן געלט פאַר דעם ייִדישן אונטערגרונד צו קויפן געווער. ער געפינט אַן אידיי און רעאַליזירט זי: ער דרוקט געפעלשטע שפּייז־קאַרטן, וועלכע ווערן פאַרקויפט אין געטאָ, און די בייטיקע געלטער פאַר דער היילקער אויפגאַבע פון קויפן געווער, זיינען פאַראַן. מען דאַרף האָבן געפעלשטע שטעמפּלען אויף דאָקומענטן פאַר די פּאַרטיזאַ־נער, כדי זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ אָדער אַריבערגייען פון איין אָרט אין אַ צווייטן — קאָוואַלסקי מאַכט אַלץ. נאָך אַ פולן טאָג צוואַנגס־אַרבעט אין דער נאַצישער דרוקעריי, אַרבעט ער אין די נעכט, אויפן חשבון פון זיין שלאָפן, פאַר דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. קוקט איר אים אָן דעם דאָזיקן יונגנמאַן, וואונדערט איר זיך, וואו האָט ער גענומען אַזוי פיל פיזישן כוח אויף 20 שעה אַרבעט אין מעת־לעת, וואו האָט ער גענומען אַזעלכע נערוון אויסצושטיין די אָנגעשטרענגט־קייט און אויפרעגונג פון פערמאַנענטן האָבן דעם חלף אויפן האַלדז? נישט אַנדערש, ווי די גייסטיקע קראַפט אין אים שפּייזט אים אויך פיזיש און העלפט אים דורכצומאַכן אַלע שבעת מדורי גיהנום און אַרויסקומען אַ לעבעדיקער.

יצחק קאָוואַלסקי באַגנוגט זיך נישט מיט זיין קאַמף מיטן ווייסן גוואַר. ער נעמט אויך אָנטייל אין דעם איינציק צושטאַנדגעקומענעם ווידערשטאַנד אין ווילנער געטאָ גופא, אויף סטראַשון גאַס 12. אײדער דאָס הויז איז אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט, איז קאָוואַלסקין געלונגען מיט אייניקע חברים און חברות צו שפּרינגען פון צווייטן שטאָק און אָפּטרעטן צו אַנדערע פּאָזיציעס. שפּעטער איז ער אין סאַמע לעצטן מאָמענט פון דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ אָפּגעטראָטן דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן און ער האָט פאַרברענגט אַ לענגערע צייט אַלס פּאַרטיזאַן אין וואַלד, אין דער פּושטשע רודניצקי.

דער פּראָפּאַגאַנדע־שעף פון דער ליטוויש־סאָוועטישער רעפּו־בליק, געוועזענער בריגאַדע־קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער, יורגיס, האָט מיט אייניקע יאָר צוריק געזאָגט צום דיכטער סוצקעווער: „קאָוואַלסקי איז געווען דער בעסטער פּאַרטיזאַנער פון מיין גאַנצער בריגאַדע״.

איינער פון די ליטווישע קאָמענדאַנטן, מאַרגיס, האָט באַלד נאָך דער באַפרייאונג צוגעשטעלט קאָוואַלסקיס נאָמען פאַר דער סאָוועטי־שער מאַכט, כדי אים צו באַשענקען מיטן הויכן סאָוועטישן אָרדן „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ״. נאָר קאָוואַלסקי האָט באַצייטנס פאַרלאָזן רוס־לאַנד און מוחל געווען דעם כבוד, ווייל ער האָט געקעמפט און זיך מקריב געווען נישט פאַרן קאָמוניזם, נאָר פאַר זיין אייגן פאָלק, פאַרן יידנטום. ער האָט מקדש געווען שם ישראל.

***

יצחק קאָוואַלסקיס אויפטוען שליסן זיך נישט אָפּ מיט דער ענדע פון קריג. אַלס ייד רוט ער נישט אויך שפּעטער, ווען ער איז געבליבן פון די ווייניק לעבן־געבליבענע. נאָך דער באַפרייאונג ווערט קאָוואַלסקי באַשטימט אַלס לייטער פון פּאָליגראַפישן טרעסט אין ליטע. ס׳רוקן זיך אונטער די ימים נוראים פון תש״ה (1944). די ביסל געראַטעוועטע יידן האָבן נישט קיין מחזורים צו דאַווענען. קאָוואַלסקי גייט אין דער געוועזענער דרוקעריי פון „אַלמנה והאחים ראָם״ און געפינט אין אַ סקלאַד מחזורים. פאַרשטייט זיך, אַז ער צעטיילט זיי אומזיסט צו אַלע, וועלכע האָבן זיך צו אים געווענדעט. אַזש קיין קאָוונע דערגייט די ידיעה, אַז קאָוואַלסקי טיילט מחזורים, און מ׳קומט פון דאָרט זיי צו קריגן. שפּעטער אַ ביסל שאַפט זיך אַ יידישע קהילה. דאָס יידישע

חרובע לעבן הייבט זיך אָן ווי עס איז ווידער צו אָרגאַניזירן. הרב אפרים אשרי, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע, ווענדט זיך צו אים, אַז ס'איז זייער נייטיק אַ שטעמפּל פאַר דער קהילה. ער איז גרייט צו באַצאָלן וויפל ער וועט נאָר זאָגן. אויף צו מאָרגנס איז פאַראַן אַ שטעמפּל, נאַטירלעך געמאַכט פאַר אומזיסט. אומעטום וואו מ'דאַרף עפּעס, איז קאָוואַלסקי פאַראַן. אַ קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי קומט צו קאָוואַלסקין, צום לייטער פון פאַליגראַפישן טרעסט, מיט אַ באַשטעלונג פון דער אַרמיי. ער דאַרף עס דרינגענד. קאָוואַלסקי זאָגט צו עס צו מאַכן, נאָר אַ תנאי שטעלט ער, אַז דער אָפיציר זאָל אים געבן אויף אַ טאָג זיין מיליטערישן לאַסט־אויטאָ. אַט דערציילט דער דיכטער קאַטשערגינסקי אין זיין ביכל „צווישן האַמער און סערפּ":

„נעכטן האָבן מיר געבראַכט אויף קאָוואַלסקיס אַ מאַשין פינף גרויסע פּעק מיט יידישע מאַטעריאַלן".

אַט דאָס איז די מאַשין פון סאָוועטישן אָפיציר. קאָוואַלסקי האָט געדאַרפט דעם אויטאָ צום איבערברענגען די געפונענע ספרים און אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן געהערט צום ייוואָ אין ווילנע.

***

פון אַ קורצן ציטאַט אין חיים לאַזאַרס בוך „חורבן און אויפשטאַנד" דערוויסן מיר זיך וועגן איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין יצחק קאָוואַלסקיס טעטיקייט:

„נאָך דער באַפרייאונג איז קאָוואַלסקי ווידער פון די ערשטע ביים אָרגאַניזירן דעם נאָך נישט־באַשריבענעם קאַפּיטל, די בריחה".

יצחק קאָוואַלסקי איז אַ זון פון אַ ציוניסטישער משפּחה און ר'האָט באַקומען אַ ציוניסטישע דערציאונג. דעריבער פילט ער, אַז ס'איז נישט גענוג זיך מקריב צו זיין פאַר כבוד פון יידישן פאָלק. מ'דאַרף אויך העלפן די לעבנגעבליבענע און העלפן זיי ראַדיקאַל. מ'מוז זיי אַרויסנעמען פון די מקומות, וואו ס'איז נישט פאַראַן קיין צוקונפט פאַר אַ באַנייטן יידישן לעבן און זיי ברענגען דאָרט וואו עס שאַפט זיך און בויט זיך די פאָטערלאַנד, וואָס וועט נישט באַהאַנדלען די יידן ווי שטיף־קינדער. אַ גרופּע געוועזענע פּאַרטיזאַנען פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען טרעט צו צו אָרגאַניזירן די „בריחה", דאָס אַנטלויפן פון פאַרשאָלטענעם גלות־באָדן, כדי אָנצוקומען אין ארץ־ישראל. דער קאָמיטעט, וואָס אָרגאַניזירט די „בריחה", באַשטייט פון דריי פּערזאָן: אבא קאָוונער, ניסן רעזניק און יצחק קאָוואַלסקי.

אַ צופאַל דערמעגלעכט קאָוואַלסקין צו טאָן אויך אויף דעם גע־ביט זייער פיל. דער דירעקטאָר פון מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס״, סטראַנגין, קומט קיין ווילנע און באַשטימט קאָוואַלסקין אַלס „באַפול־מעכטיקטן פון מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״ אויף דער סאָוועטיש־ליטווישער רעפובליק״. דער צענטראַלער פאַרלאַג לאַדט אים איין קיין מאָסקווע. דאָרט באַקענט קאָוואַלסקי, דרך־אַגב, די אַלע יידישע שריי־בער, וועלכע זיינען היינט ליקווידירט געוואָרן. ער וואוינט אין דער פריוואַטער וואוינונג פון דירעקטאָר סטראַנגין און האָט אַ מעגלעכקייט צו זען און צו הערן אַלץ פון דער נאָענטן. ער פאַרבינדט זיך מיט אַן אויסלענדיש־יידישן דיפּלאָמאַט, וועלכער פאָרט ספּעציעל קיין לאָנדאָן און דער לעצטער טרעפט זיך מיט דער ציוניסטישער אָנפי־רערשאַפט (און מיט דר. וויצמאַנען ז״ל), און ס׳ווערט געגעבן די הסכמה אָנהייבן די בריחה אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. קאָוואַלסקיס פאַרבינדונג מיטן „עמעס״ העלפט שטאַרק אין דער אַרבעט.

די מלחמה איז נאָך אין פולן ברען. די פאַרניכטונג פון יידן גייט נאָך אָן.

דער בריחה־קאָמיטעט באַשליסט צו שיקן דער פּאַרטיזאַנערין רוזשקאַ (רייזל קאָרטשאַק) אַלס ערשטע שליחה קיין ארץ־ישראל. קאָ־וואַלסקי שאַפט פאַר איר אַ באַדייטנדע סומע געלט און ער מאַכט איר אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ (רייזע־באַפעל). אויף אַ בלאַנק פון פאַרלאַג „עמעס״, שרייבט קאָוואַלסקי, אַז די רעדאַקטאָרשע רוזשקאַ קאָרטשאַק, ווערט געשיקט אין דער שטאָט טשערנאָוויץ (בוקאָווינע) אין שליחות פון פאַרלאַג. אָט דער צעטל דינט ווי אַ קמע, וועלכע עפנט רוזשקאַן דעם וועג איבער גרענעצן און דורך נ. ק. וו. ד.־קאָנטראָלעס ביז טשערנאָוויץ. פון דאָרט קיין בוקאַרעשט, און דאַן — לעגאַל אין ארץ־ישראל. איך געדענק נאָך דעם אומגעהויערן רושם, וואָס רוזשקאַס אָנקומען האָט געמאַכט אין ארץ־ישראל. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געבראַכט די דירעקטע אויטאָריטאַטיווע ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון פוילישן און ליטווישן יידנטום. אין רוזשקאַס אָנקו־מען און אין דעם אַריבערברענגען פון פיל טויזנטער יונגעלייט און מיידלעך פון די סאָוועט־לענדער, האָט דער שטילער יצחק קאָוואַלסקי גאָר אַ גרויסן חלק.

***

זייט דעם שלוס פון דער וועלט־מלחמה זיינען אַריבער אַכט יאָר. גאָרנישט קיין לאַנגע צייט. דאָך הערשט אין דער וועלט אַ ניי־

גונג צו פֿאַרגעסן יענע גרויזאַמע תקופֿה. און אַפֿילו ביי אונדז יידן, די הויפּט־קרבנות פֿון דער מענטשלעכער חיה, ווילט זיך פֿאַרגעסן. דאָס איז אַ טיף באַדויערנסווערטע דערשיינונג. ווייל מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן. מיר מוזן געדענקען און דערמאָנען דער וועלט, כדי צו פֿאַרמיידן אַ ווידערהאָלונג פֿון אַזאַ בלוטיקן ספּעקטאַקל פֿון דער צעיושעטער חיה. מיר דאַרפֿן אויך געדענקען, פֿאַר דעם זכר פֿון די אומגעקומענע ברידער און שוועסטער און פֿאַר די, וועלכע האָבן ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג פֿאַרטיידיקט יידישע לעבנס און באַשיצט דעם יידישן כבוד. יצחק קאָוואַלסקיס ביכל זכרונות באַלייכט איין זייט פֿון דעם יידישן העראָאיזם. דאָס ביכל דעקט אויף אַ ביז איצט אומ־באַקאַנטן פּרק פֿון יידישער העלדישקייט און הקרבת־הנפֿש. דעם פּרק פֿון דער געהיימער דרוקעריי, די איינציקע יידישע דרוקעריי אין דער גאַנצער אָקופּירטער אייראָפּע, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין און וואָס האָט באַוויזן די נאַציס, ווי דער גויישער באַפֿעלקערונג אין יענע לענדער, אַז אונדזער כבוד קען מען אַזוי לייכט נישט טרעטן מיט די פֿיס. און פֿאַר דער פֿאַריואשטער יידישער באַפֿעלקערונג זיינען די אויסגאַבעס פֿון דער געהיימער דרו־קעריי געווען אַ שטראַל פֿון דערמוטיקונג און נחמה אין די פֿינצטערע שעהן פֿון זייער גורל.

יצחק קאָוואַלסקי טוט אַ גרויסן דינסט אין פֿאַרעפֿנטלעכן דעם דאָזיקן קאַפּיטל זכרונות. און ער פֿאַרדינט אַ דאַנק, דאָס שענסטע וואָס אַ פֿאָלק קען געבן אירן אַ זון פֿאַר זיין טייל אין דער טראַגישער, אָבער וואונדערלעכער עפּאָפּייע פֿון יידישן קאַמף אין דער היטלערי־זירטער אייראָפּע, ווען אַנטקעגן דעם מלאך־המוות, וואָס האָט געפּאַ־כעט מיט זיין שווערד אין די אויגן, איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן מוט, אומדערשראָקנקייט און איבערמענטשלעכע גבורה.

**אייזיק רעמבאַ**

# אַ פּאָר ווערטער פון אַ לאַנדסמאַן

יצחק קאָוואַלסקיס פֿאָטער האָב איך גוט געקאָנט און מיט זיינע צוויי עלטערע ברידער בין איך געווען נאָענט באַפריינדעט.

אין דער קאָוואַלסקי־דרוקעריי אין ווילנע, אויף ברייטע 39, אין אַנטאָקאָלסקיס הויף, האָט זיך במשך פון יאָרן און יאָרן געדרוקט די איין און איינציקע ווילנער ציוניסטישע טעגלעכע צייטונג „צייט״, פון וועלכער כ׳בין געווען אַ רעדאַקציע־מיטגליד. אונדזערע רעדאַקציע־צימערן האָבן זיך דאָרטן אויך געפונען, און במילא האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך גאָר אָפט מיט די קאָוואַלסקיס.

ס׳איז געווען אַ בכבודיקע יידישע משפחה, פעסט איינגעוואָרצלט אין יידישקייט. פאַר יצחקס פאָטער איז אַ יידישע צייטונג ניט געווען אַן ענין נאָר פון ביזנעס, נאָר ממש אַ קדושה צו וועלכער מ׳גייט צו מיט אַ הייליקן ציטער.

די קאָוואַלסקיס זיינען געווען שטילע, באַשיידענע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט געריקט צו דער מזרח־וואַנט. כ׳וואָלט, דוכט זיך, געקאָנט שווערן, אַז קיין איין קאָוואַלסקי וואָלט ניט געפועלט ביי זיך אָנצורירן אַפילו אַ פליג אויף דער וואַנט.

זיי זיינען אָבער געווען שטאָלצע, נאַציאָנאַלע יידן.

און ווען גאָטס צאָרן האָט זיך אויך אויסגעגאָסן אויף אונדזער וואונדערלעכער, אייביקער ירושלים דליטא און טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער זיינען אומגעקומען פון די פאַרבלוטיקטע הענט פון די נאַצי־רוצחים, האָבן פיל פון די וואָס האָבן „ניט אָנגערירט קיין פליג אויף דער וואַנט״, גענומען זיך פאַרן ביקס און גראַנאַט, אַוועק אין די וועלדער און ווי העלדן פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד.

יצחק קאָוואַלסקי איז געווען איינער פון אָט די גבורים.

אָבער ניט נאָר דאָס אַליין.

ווי ס׳לאָזט זיך אויס האָט קאָוואַלסקי אַליין אָריינגעשריבן אַ מערקווירדיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ווילנער געטאָ.

ער איז געווען דער יעניקער וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ געהיימע דרוקעריי, וואָס האָט אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען פונקציאָנירט

און אַרויסגעגעבן שריפטן אין וועלכע די נאַצי־באַנדיטן זיינען אַרויס־געשטעלט געוואָרן אין זייער אַפּשוילעכער, רוצחישער נאַקעטקייט.

וועגן אַט דער געהיימער דרוקעריי אין געטאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט פונעם בוך פון מיין נאָענסטן חבר און פריינד דר. מאַרק דוואָרזשעצקי א. נ. „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום".

אַ צאָל ווילנער פּליטים וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר באַזוכט אין דער רעדאַקציע פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" און אויך וועגן דעם איבערגעגעבן. ערשט ווען כ'האָב זיך געטראָפן מיט יצחק קאָוואַלסקין, געשמועסט מיט אים און שפּעטער איבערגעלייענט וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָב איך געקאָנט באַגרייפן אין דער פולער מאָס דעם גרויסן אויפטו אין יענע צייטן, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף שריט און טריט.

יצחק קאָוואַלסקיס פאַרצייכענונגען וועגן דער אַנטשטייאונג און טעטיקייט פון דער געהיימער דרוקעריי אין ווילנער געטאָ, זיינען גע־וויס אַ וויכטיקער היסטאָרישער מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן געשיכט־לער.

דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן זיינע אַנדערע פאַרצייכע־נונגען, וואָס זיינען אויטענטיש.

פון די בלעטער אָטעמט מיט גבורה און מסירת נפש.

אַזוי האָבן געהאַנדלט טרייע זין און טעכטער פון אונדזער ווילנע, ס'וויגעלע און צענטער פון יידישקייט פאַר פיל גלות־לענדער במשך פון דורות.

מיר, ווילנער, וועלן אייביק האַלטן אין אונדזער געדעכעניש דעם ליכטיקן אָנבליק פון אונדזערע קדושים, וואָס זיינען אַ חלק מבשרינו.

יצחק קאָוואַלסקי, מיין לאַנדסמאַן, האָט מיט זיינע קאַפּיטלען גע־שיכטע צוגעלייגט ציגל צום דענקמאָל נאָך דער ווילנער יידישער קהילה.

י. קאָוואַלסקי וואָס געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק, טראָגט זיך אַרום — ווי איך הער — מיט ערנסטע פּלענער וועגן צוגרייטן אַר־בעטן וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד אין די טיילן פון דער געווע־זענער „ברווינער" אייראָפּע. דאָס איז אַ וויכטיקער פּאַרמעסט.

כ'בין זיכער, אַז די יידישע געזעלשאַפט אין אַמעריקע וועט גע־וויס שטיצן אַ פּראָיעקט צו פאַראייביקן די יידישע מאַרטיראָלאָגיע אין די שווערע צייטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דר. נ. סווערדלין

# אַ נייע פויליש־דייטשע צייטונג

אין די ערשטע וואָכן פון נאַצישער אָקופּאַציע אין ווילנע איז אין שטאָט נישט דערשינען קיין איינציקע צייטונג. מענטשן האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס הערט זיך אויף די פראָנטן און בכלל אויף דער וועלט. באַזונדערס אָפּגעריסן פון דער וועלט זיינען געווען די ייִדן, ביי וועמען מען האָט שוין אין די ערשטע טעג פון דייטשער אָקופּאַציע צוגענומען אַלע ראַדיאָס. ס'איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז עס זאָלן זיך פאַרשפּרייטן די פאַרשיידנסטע קלאַנגען וועגן מצב אויף די פראָנטן, איינער סותר דעם צווייטן. אין דער דאָזיקער תוהו־ובוהו־צייט איז מען דעריבער געווען צופרידן, וואָס אין שטאָט האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ פויליש־דייטשע צייטונג א"נ „גאָניעץ צאָדזיענני" (טעג־לעכער פאַרבינדער). די גאַנצע ווילנער באַפעלקערונג האָט געוואַרט אויף דער צייטונג מיט אומגעדולד. די ייִדן, וועלכע זיינען נאָך אין יענע טעג נישט געווען אין געטאָ, האָבן אויך אויסגעקוקט אויף דער פּוילישער צייטונג. די ייִדן וויסן, אַז אין דער פּוילישער צייטונג ווערן געדרוקט נאָר די אָפיציעלע באַריכטן, דאָך פּרואווט מען לייענען צווישן די שורות, כדי זיך צו שאַפן עפּעס אַ בילד וועגן דער אמתער לאַגע אויפן פראָנט. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אין יענעם שרעקלעכן צו־שטאַנד פון לית דין ולית דיין פאַר ייִדן, האָט זיך ביי די צום טויט דערשראָקענע ייִדן אין ווילנע געשאַפן אַזאַ הויכע פּסיכישע שפּאַנונג, אַז יעדע געשעעניש אָדער ידיעה האָט ביי זיי אַרויסגערופן תּלי תּלים פון סברות און השערות. אַזוי, למשל, האָבן ווילנער ייִדן געדרונגען, אַז די רויטע אַרמיי איז עטלעכע וואָכן נאָך דער אָקופּאַציע פון שטאָט אַריבער אין אַ גרויסן קאָנטער־אָנגריף און זי געפינט זיך נאָענט צו ווילנע. פון וואַנען האָבן זיי עס גענומען? ווייל פּונקט האָט מען אין ווילנע דאַן געהערט עטלעכע אויפרייסן און מען האָט עס אויסגע־טייטשט, אַז דאָס זיינען די באַשיסונגען פון סאָוועטישן מיליטער. שפּע־טער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דעטאָנאַציעס האָבן געשטאַמט דער־פון, וואָס דייטשן אַליין האָבן אויפגעריסן נישט פּאַסיקן אויפרייס־מאַטעריאַל.

אין אַזאַ מצב פון קלאַנגען און סברות זיינען אויך ייִדן געווען

צופרידן צו האָבן אַ געדרוקט וואָרט וועגן דעם, ווי עס האַלט אויפן שלאַכטפעלד.

אין איינעם פון אירע ערשטע לייט־אַרטיקלען וועגן יידן, וואָס די דאָזיקע פויליש־דייטשע צייטונג האָט געשריבן, האָבן מיר געקענט געפינען אַזאַ לשון: „יידן מעג מען שלאָגן אַפילו שוין פאַרחלשט ליגנדיקע אויף דער ערד".

אַזעלכע „פערל" זיינען אין דער דאָזיקער צייטונג געווען נישט ווייניק און גאָר אָפט. די דייטשע מאַכט האָט זיך גלייך געשטעלט ווי אַ ציל צו פאַרסמען די מוחות פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די ווירקונג איז געווען זייער אַ גרויסע.

אין האַרץ ברענט אַ פייער — ווי ענטפערט מען אָפּ די דאָזיקע מנובלים? ווי דערציילט מען דעם ברייטן עולם דאָס, וואָס זיי דער־ציילן נישט. אָט מיט דעם געדאַנק טראָג איך זיך אַרום פון די ערשטע טעג, ווי כ'האָב נאָר דערקענט דעם דייטש פון דער נאָענט.

אָבער דעם 6טן סעפטעמבער 1941 ווערן מיר אַריינגעטריבן אין צוויי באַזונדערע געטאָס. אין דער־אַ צייט האָט מען ניט געקענט טראַכטן וועגן דורכפירן דעם פּלאַן פון געפינען אַ וועג, ווי צו אינפאָרמירן די אַלגעמיינע שטאָטישע באַפעלקערונג וועגן מצב אויף די פראָנטן און דער עיקר וועגן די אויסזיכטן פון סוף־קריג. די יידן זיינען פשוט געלעגן אויף דער גאַס, נישט האָבנדיק קיין פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ צו לייגן, און ס'איז נאַטירלעך געווען די ערשטע זאָרג זיך צו שאַפן אין געטאָ אַ פּלאַץ צום שלאָפן פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע.

ווען מען איז שוין געווען פאַרטיק מיט דעם און מען האָט זיך שוין געשאַפן אַ בידנעם אָרט, וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ כאַפּעריי אויף יידן פון געטאָ, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך עפּעס וואָס צו אָרגאַניזירן, ווייל אָט רעדסטו מיט אַ מענטשן און מען באַשליסט זיך צו טרעפן — און אין עטלעכע שעה אַרום איז דער מענטש שוין פאַרצוקט געוואָרן דורך די טאָג־רויבער.

ס'איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט מען נישט געקענט פּלאַנירן אַזאַ געפערלעכע און שווערע אַרבעט, ווי אַרויסגעבן געדרוקטע זאַכן און מען האָט פשוט געמוזט אָפּוואַרטן אויף אַ מער גינסטיקער צייט.

דער גינסטיקער מאָמענט איז געקומען דעם 4טן יאַנואַר, 1942, ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָר־גאַניזאַציע, וועלכע איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען פ. פּ. אָ. דאָס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון אַלע וויכטיקסטע יידישע פּאַרטייען אין געטאָ, וועלכע האָבן עקסיסטירט אין דעם פאַרמלחמהדיקן פעריאָד.

אויף איינעם פון די צוזאַמענקונפטן פון שטאַב פון פ. פּ. אָ. האָב איך געבראַכט מיין פּראָיעקט צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע דרוקעריי,




מאנטאזש פון פויליש־דייטשע צייטונג „גאניעץ צאדזיענני" און אייניקע
אויסצוגן אין דער ליטווישער און דייטשער שפראך, וואָס איז נוגע
יידן־פאַרפאָלגונגען.

# שטאב פון פ.פ.א. (פאראייניקטע פארטיזאנער ארגאניזאציע)



איציק וויטענבערג



יוסף גלאזמאן



אבא קאוונער



ניסן רעזניק



אדוו. אבראשע כוואיניק



ד״ר סאלעק גארפינקל



ד״ר לעא בערנשטיין



פאל באגריאנסקי



יעקב גענס



א גרופּע יידישע פּארטיזאנער (בילד גענומען נאָכן קריג
אין ווילנע)



פון רעכטס צו לינקס :
יצחק קאוואלסקי, אבא קאָוו־נער, ש. קאטשערגינסקי, נוימי מארקעלעס (בילד גענומען נאָכן קריג)



מוראוושיק



ראשקע מארקאוויטש
שטאב פארבינדלערין



א גרופע יידישע פארטיזאנער (בילד גענומען באלד נאָכן קריג)

וואו עס זאָל צוגעגרייט ווערן אַ ציימונג פאַר דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

יעדער מיטגליד פון שטאַב האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז אַזאַ זאַך איז פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות נישט נאָר פאַר די יחידים, וואָס וועלן זיך מיט דעם פאַרנעמען, נאָר אויך פאַרן קיום פון גאַנצן געטאָ. אָבער צוליב דער אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט פון דער זאַך האָט דער שטאַב, נאָכן באַהאַנדלען דעם ענין אויף אַ פּאָר זיצונגען, דאָך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע דרוקעריי. איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן די זאַך דורכצופירן.

כדי צו פאַרקלענערן די ריזיקע געפאַר פאַרן געטאָ, האָט דער שטאַב באַשלאָסן, אַז די דרוקעריי זאָל זיך געפינען אויסערן געטאָ. מ׳האָט עס דעריבער איינגעאָרדנט ביי אַ קריסט, וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיקער פוילישער פּאַטריאָט.

די זאַך איז געווען אַזוי קאָנספּיראַטיוו, אַז אויסער אַ פּאָר מענטשן פון שטאַב האָט קיינער נישט געוואוסט, וואו דער אָרט פון דער דרוקעריי דאַרף זיין און ווער ס׳זיינען די מענטשן, וועלכע וועלן מיט מיר קומען אין קאָנטאַקט וועגן דאָזיקן ענין.

יוסף גלאַזמאַן האָט מיר געמאָלדן, אַז איך וועל דאַרפן שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער אומגעהויער, דרייסטער און איבערגעגעבענער חברטע סאָניע מאַדייסקער. זי האָט מיר צום ערשטן מאָל צוזאַמענגע־בראַכט אין שטאָט מיטן אויבנדערמאָנטן קריסט, וואָס זיין נאָמען איז געווען יאַן פּשעוואַלסקי.

פון דעם טאָג, וואָס כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט, האָב איך גע־האָט מיט אים כמעט טאָג־טעגלעך צו טאָן אין משך פון איבער אַ יאָר. ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט און גרויסן מוט ביים אָרגאַניזירן די זאַך פון דער געהיימער דרוקעריי.

די הויפּט־פראַגע איז געווען: וואו נעמט מען זאַץ, דרוק־מכשירים א. אַ. וו.? איין וועג איז געווען: אַריינבאַקומען זיך אין אַ דייטשער דרוקעריי, כדי פון דאָרטן אַרויסצוטראָגן אַלץ, וואָס מען דאַרף אויף צו קאָמפּלעקטירן און אָרגאַניזירן אַ קאָנספּיראַטיווע דרוקעריי.

ווי פירט מען דורך אַזאַ פּלאַן? איך האָב קודם־כל באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו מיינעם אַ באַקאַנטן ליטווישן דירעקטאָר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דייטשער מלוכהשער דרוקעריי „אַאושרא״, אַז ער זאָל מיר דערמעגלעכן אַרבעטן אין דער דאָזיקער אונטערנע־מונג.

איך אָונטט בין איך אַרויס פון געטאָ אָן די געלע לאַטעס און בין אַוועק אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון דאָזיקן דירעקטאָר. בשלום

דורכגעגאַנגען אַ שטיק שטאָט. כ׳געפין זיך שוין ביים הויף פון מיין ציל. כ׳קלינג אָן. די טיר עפנט מיר פונקט דער דירעקטאָר אַליין. ער איז צעמישט און איבערראַשט פון מיין „וויזיט". ער ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אויפן מויל, אַז כ׳זאָל שווייגן, ווייל מען איז גראָד ביי אים אין שטוב דאָ און דווקא אַזעלכע אורחים, וועלכע טאָרן קיין יידיש פנים ניט זען, ווייל ס׳קאָן זיין אַ געפאַר. ער פאַרשטעקט מיך אין אַ דערבייאיקן קליין צימערל און גייט אַריין צו די געסט. דעם „שפייער" האַלט איך פעסט און גרייט, אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער האָט מיך פאַרנאַרט אין דעם דאָזיקן פינצטערן צימערל. אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו שטיין איבער אַ שעה. פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען מיר דאַן דורכגעגאַנגען דורכן מוח. איז ער נישט דורך דער הינטער־טיר אַרויס רופן פאָליציי, — ווי דאָס פלעגט זייער אָפט טרעפן, ווען אַ ייד פלעגט אַריינגיין צו אַ קריסט — און מיך אין זייערע הענט איבערגעבן ?

צו מיין דענערווירן נעמט אָבער אַ סוף, ווען כ׳הער, אַז די געסט האַלטן שוין די קליאַמקעס אין די הענט, כדי צו פאַרלאָזן זיין וואוינונג. ס׳דערטראָגן זיך צו מיר די ווערטער : „לאבא נאקטיס" (ליטוויש — אַ גוטע נאַכט).

די טיר פון מיין חדרל עפנט זיך און דער דירעקטאָר רופט מיך אַריינצוגיין אין גאַסט־צימער. ער פאַרריגלט די טיר אויף אַלע קייטלעך און פירט מיך אַריין אין זיין הויפט־צימער.

כ׳טרעט צו צום שמועס. „כ׳בין געקומען צו אייך — הויב איך



דער פאַלשער פאַס פון סאָניע מאַדייסקער, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין שטאָט ווי אַ קריסטין, אונטערן נאָמען קאַטאַרזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ.

אַן — מיט פֿאָלגנדיקער ביטע: היות כ'אַרבעט פֿאַרשיידענע שווערע אַרבעט ביי די דייטשן (באמת, האָב איך געאַרבעט ווי אַ צוואַנגס־אַרבעטער אין בנין פֿון ייווא, וואו ס'האָבן געבאַלעבאַטעוועט גדולים פֿון ראָזענבערגס נאַצי־שטאַב און האָב גראָד געהאַט אַ לייכטע און אינטערעסאַנטע אַרבעט ביים סאָרטירן דעם אַרכיוו פֿון ייווא), וואָלט איך זייער וועלן, אַז איך זאָל זיך קענען איינאָרדענען מיט אַרבעט ביי אייך אין דער דרוקעריי. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ גוטער פֿאַכמאַן און בין זייער אינטערעסירט צו אַרבעטן ביים פֿאַך. דער די־רעקטאָר שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן: — יאָ, אָבער עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל ביי די היינטיקע באַדינגונגען אַרבעטן אין אַ דייטשער דרוקעריי. ביי אונדז אין ליטע איז נאָך נישט געווען אַזאַ פֿאַל.

— נו, איז וואָס, וועט דאָס זיין דער ערשטער פֿאַל — זאָג איך רואיק — איר האָט דאָך די געהעריקע פֿאַרבינדונגען אין דייטשן אַרבעטס־אַמט און איר קענט פּועלן אויף וואָסער נישט איז אופֿן, אַז כ'זאָל ביי אייך קענען ווערן באַשעפֿטיקט.

קנייטשנדיק מיטן שטערן, זאָגט ער צו מיר — גוט, מיר וועלן זען. כ'וועל פּרוּוון טאָן, אַז איר זאָלט ביי מיר קענען אַרבעטן. קומט אַריין צו מיר מאָרגן, צווישן 8 און 8:15 אין אָוונט און כ'וועל אייך זאָגן די תשובה פֿון דייטשן אַרבעטס־אַמט.

באַדאַנקענדיק אים העפֿלעך, פֿאַרלאָז איך אַ צופֿרידענער זיין דירה.

אויף צומאָרגנס פּינקטלעך אין דער באַשטימטער צייט קום איך צו דעם דירעקטאָר. דאָס מאָל עפֿנט מיר די טיר זיין פֿרוי און גיט צו, אַז דער מאַן וואַרט שוין אויף מיר. דער ערשטער ברוך־הבא איז מיר גאַנץ גוט געווען געפֿעלן . . . באַגריסנדיק זיך מיט דעם דירעקטאָר, קוועטשט ער צו מיין האַנט און זאָגט: ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן. כ'האָב צוגעטראַכט אַ ווירקזאַמען מיטל, זאָגט דער דירעקטאָר, אַזוי, אַז ס'האָט זיי געמוזט נעמען. כ'האָב נאָכן דורכריידן זיך מיט דעם טעכנישן לייטער פֿון דער דרוקעריי אים געזאָגט, אַז צו דער שנעל־פּרעס־מאַשין וואָלט מען געדאַרפֿט האָבן אַ ספּעציאַליסט, וועלכער גע־פֿינט זיך אין געטאָ. ער איז מיינס אַ געוועזענער מיטאַרבעטער. איך וואָלט אים וועלן העלפֿן ביי קריגן לייכטערע אַרבעט. דאַן האָב איך דיקטירט אַ בריוו צום דייטשן אַרבעטס־אַמט, אַז אַזוי ווי די און די מאַ־שין האָט נישט די געהעריקע פֿאַכמענישע באַדינונג, דראָט אַ סכנה, אַז די טעגלעכע פּאָליש־דייטשע צייטונג, וועלכע איז אין רשות פֿון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום פֿון דייטשן רייך, זאָל אויפֿהערן פּינקטלעך צו דערשיינען און אַז מען קען דאָס פֿאַרהיטן, אויב דער דייטשער

אַרבעטס־אַמט זאָל דערלויבן נעמען אויף אַרבעט אַ „יודע״, וועלכער געפינט זיך אין געטאָ.

באַקומענדיק אַזאַ בריוו, פון דירעקטאָר שקעמאַס, האָט מען תיכף געמאַכט אַן אויסנאַם און אים דערלויבט צו נעמען אויף אַרבעט דעם „יודע״. מען האָט אָנגעגעבן נאָמען און וואוין־אָרט. דער דייטשער אַרבעטס־אַמט האָט גלייך באַפוילן דעם געטאָ אַרבעטס־אַמט צו דער־לויבן מיך צו גיין צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי „אַאושראַ״.

אַלץ קומט פאַר גיך. די געהעריקע דערלויבעניש האָב איך שוין אויף מאָרגן אין דער האַנט מיט אַ פּאַסיר־שיין, וואָס גיט מיר דאָס רעכט אַליין צו גיין צו דער אַרבעט און צוריק אין געטאָ (נאַטירלעך אויפן ברוק און נישט אויף דער לאַווע . . .).

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר טעג און שוין באַוויזנדיק זיך צו באַ־קענען מיט פיל קריסטלעכע אַרבעטערס (אַ טייל האָב איך געקענט פון פריער), טרעט איך צו צו טאָן מיין אמתע אַרבעט, צוליב וועלכער איך בין אַהער געקומען. די ערשטע פּאַזע פון דער אַרבעט איז גנבע־נען שריפט און עס געבן דאָרט, וואו מען דאַרף. פאַרן דאָזיקן צוועק איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מיטאָג־צייט, ווען ס׳וועט געעפנט די אַרויסגאַנג־טיר פון דער דרוקעריי, זאָל אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט פון דעם דרוקעריי־בנין זיך געפינען אַ מענטש, וועמען כ׳זאָל קענען איבערגעבן די אָנגעגנבעטע שריפט.

פינקטלעך 12 אַזייגער, ווי נאָר מען עפנט די טיר, טראָג איך אַרויס אומבאַמערקט אין אַלע קעשענעס און אין אַ מאַנאַשקע, וועלכע כ׳טראָג כלומרשט צו נעמען עסן, און גיב עס איבער דעם שוין אויף מיר וואַרטנדיקן קריסט יאַן פּשעוואַלסקי. כ׳קריג גלייך פון זיין פּאַרט־פעל צוריק פינקטלעך אַזאַ מאַנאַשקע, אומקערנדיק זיך געשווינד צו־ריק אין דער דרוקעריי, וואו איך כאַפּ נאָך פון די לעצטע אַ מיטאָג.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. טאָג־טעגלעך זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאַרשיידענע שריפטן, פון וועלכע מען האָט קאָמפּלעקטירט די געהיימע דרוקעריי. כדי צו פאַרשנעלערן דאָס אַרויס־גנבענען פון שריפט איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן, אַז פינף נאָכ־מיטאָג זאָל געמאַכט ווערן אַ צווייטע „עקספּעדיציע״ פון די דרוק־מאַטעריאַלן. נאָכן אָפּאַרבעטן אַזוי איבער 3 מאָנאַטן האָט זיך אָנגעקליבן גענוג שריפט, אַז מען האָט שוין געקענט צוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך אין קליינעם פאָרמאַט.

אָבער שריפט אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג, אַז מען זאָל קע־נען אַרויסגעבן אַ צייטונג. מען האָט דאָך געדאַרפט האָבן אויף דעם כאָטש אַ שטיקל מאַשין.

קודם־כל: ווי קומט מען צו צו דעם מאַשין־אָפּטייל פון דער דרוקעריי? — מיין אַרבעט איז געווען אין דער זעצעריי און אַ פּרואוו פון מיין זייט זיך אַריינצוכאַפּן אין אָפּטייל פון די דרוק־מאַשינען וואָלט לייכט געקענט אַרויסרופן אַ חשד אויף מיר און האָט געקענט באַגראָבן מיך און מיין גאַנצן פּלאַן. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען. מען האָט געמוזט ווייטער ריזיקירן.

מיט פאַרשיידענע דרייערייען, ווי אַליין זיך פאַרשלאָגן צו גיין פאַרריכטן קאָרעקטורן אויף דער מאַשין, פאַרטרעטן אַ קראַנק־געוואָרענעם מאַשיניסט וכדומה האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצובאַקומען אין מאַשין־אָפּטייל. דאָרטן איז גראָד געווען אַ קליינע פאַרזשאַווערטע האַנט־מאַשין, וואָס מען האָט נישט גענוצט. אין משך פון עטלעכע טעג האָב איך זי טיילווייז אַרויסגעטראָגן און איבערגעגעבן יאַנען.

באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס אַן אונטערערדישע דרוקעריי האָט גע־דאַרפט: מיט שריפט, מאַשין, פאַרב, פּאַפּיר, העקלעך א. אַז. וו. זיינען מיר צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער פון דער פוילישער ציַיטונג „שטאַנדאַר וואָלנאָשצי״ (פרייהייט־פאַן).

קומענדיק נאָך אַ טאָג אַרבעט פון דער דייטשער דרוקעריי, פלעג איך אַוועקגיין אויף גאַנצע נעכט מיטן קריסט יאַן פּשעוואָלסקי און מיט אים געמיינזאַם אַרויסגעגעבן די דאָזיקע צייטונג, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין דירה אויף שלאָס־גאַס 15. פונקען פון די אויגן פלעגן אַזש פליען, זייענדיק אַ פולשטענדיק מידער צו אַרבעטן די טעג פאַרן דייטש און די נעכט קעגן דייטש . . . איך וואָלט לאַנג אַזאַ אָנשטרענגונג נישט געקענט אויסהאַלטן. האָב איך דעריבער אָנגעהויבן יאַנען צו לערנען די אַרבעט. דער יאַן איז געווען אַ שטאַרק פעאיקער קריסט און ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה, וועלכע ער האָט שוין פון פריער אַ ביסל געקענט. ער האָט זיך גיך פאַר־פולקומט אַזוי, אַז כ׳האָב זיך געקענט באַפרייען פון דער אַרבעט און זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף אים. אויך זיין פרוי האָב איך צוגע־לערנט די מלאכה און זי האָט אים גוט געקענט העלפן. די אַרבעט איז אַוועק אין פולן גאַנג. ביי ווייטערדיקע נומערן האָב איך נאָר געדאַרפט צוזאַמענשטעלן די צייטונג און דאָס אויך נישט אַלע מאָל. דאָס רעשט האָבן מאַן און פרוי אַליין געמאַכט.

דער רושם, וואָס עס האָט געמאַכט די דערשיינונג פון דעם ערשטן נומער פון דער אויבנדערמאָנטער צייטונג, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. אין האַרץ פון געסטאַפּאָ אַן אומלעגאַלע צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך, וועלכע שיט פעך און שוועבל אויף געסטאַפּאָ און זייער פירער היטלער, אויף זייער גאַנצן פיר און דערציילט די מאַסן וועגן זאַכן, וועלכע די דייטשע צייטונגען דערציילן נאַטירלעך נישט!

געסטאַפּאָ האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו געפינען די דאָזיקע דרוקעריי, אָבער אָן דערפאָלג.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די רעאַקציע פון דער אומלעגאַלער נאַציאָנאַליסטישער פּוילישער א. ק.־ציישונג „ניעפּאָדלעגלאָשץ״ (אומ־אָפּהענגיקייט) אויפן דערשיינען פון אונדזער אויסגאַבע. אַנשטאָט צו באַגריסן אַ נייע אונטערערדישע צייטונג, פּרוּווט זי גאָר זי אָראָפּ־רייסן. זי זאָגט אַרויס פאַרשיידענע השערות, אַז אונדזער צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פאַר געלטער פון מאָסקווע און אַז דאָס האָט מען ערגעץ־וואו אָראָפּגעלאָזן פון אַן עראָפּלאַן אַ דרוקעריי, ווייל דאָ־הי וואָלט מען נישט געקענט דערגרייכן אַזאַ זאַך, והראיה, אַז אַפילו זיי, וואָס האָבן הינטער זיך דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק, איז עס אַנגעקומען זייער שווער . . .

לכבוד דעם דערשיינען פון ערשטן נומער, באַשליסט דער שטאָב פון פ. פ. אָ. צו מאַכן אַ שמחהלע, אויף וועלכער ס׳זיינען בייגעווען: יצחק וויטענבערג, יוסף גלאַזמאַן, אבא קאָוונער, סאָניע מאַדייסקער, כיענע באָראַוסקי, בערל און ראָזא שעראַשעניעווסקי און איך.

דאָ און דאָרט רעדט מען ביי אונדז שוין אויף צומאָרגנס נאָכן דערשיינען פון ערשטן נומער פון דער צייטונג, אַז אין הונדערטער קריסטלעכע הייזער זיינען געפונען געוואָרן עקזעמפּלאַרן, וועלכע זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן דורך דער פּאָסט אָדער פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן דורך שליחים. אויך אין אונדזער דרוקעריי הער איך שעפּ־טשענדיק וועגן דער געשעעניש.

ס׳ווערט ווייטער סיסטעמאַטיש פאַרגעזעצט די אַרבעט, אַזוי, אַז גאָר אין גיכן האָט שוין די דרוקעריי אויך אַלע אותיות, וועלכע זיינען נייטיק, אַז מ׳זאָל קענען דרוקן עפּעס אויך אין ליטוויש און אין דייטש. עס באַווייזן זיך פאַרשיידן־שפּראַכיקע פּראָקלאַמאַציעס, איינע נאָך די אַנדערע. געסטאַפּאָ זוכט און נישטערט צו געפינען די דאָזיקע דרוקעריי, אָבער קען ניט קומען אויף די שפּורן. אַלץ עקשנות־דיקער, וואָס די געסטאַפּאָ זוכט די דרוקעריי, אַלץ מער עקשנותדיקער גיבן מיר אַרויס איינע נאָך די אַנדערע פאַרשיידענע אויפרופן, וואו מיר דעמאַסקירן די מעשים תעתועים פון די נאַציישע אָקופּאַנטן לגבי אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג. מיר באַטאָנען נישט בעיקר די מערדערלעכע יידן־פאַרפאָלגונגען, ווייל דאָס וואָלט געהאַט נאָר אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווי דאָס, צו וואָס מיר האָבן געצילט. מיר זיי־נען אַרויסגעטראָטן, ווי פּוילישע פּאַטריאָטן און דערציילט, וואָס די דייטשן טוען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, אַריינפלעכטנדיק אויך וועגן די יידן־אויסראָטונגען. מיר האָבן אַגיטירט, אַז עס איז דער

פוילישער פאַטריאָטישער חוב צו העלפן ראַטעווען יידן און געבן זיי דעם מאַקסימום שוץ און אַז יעדער איינער, וואָס גיט אַרויס אַ יידן צו דער געסטאַפּאָ, באַגייט אַ נאַציאָנאַלן פאַרראַט. די פּוילישע אומ־לעגאַלע א. ק.־צייטונג האָט אַזוי נישט געשריבן, פאַרקערט, זי האָט זיך געפרייט, וואָס זי ווערט אויף דעם אופן פּטור פון דער „יידן־פּראָגע", וועלכע האָט אַזוי שטאַרק געמאַטערט זייערע מוחות פאַרן קריג. אונ־טער אונדזערע אויפרופן איז געווען אונטערגעשריבן „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן".

אונדזער צייטונג האָט געהאַט אַ קענטיקע השפּעה אויף די פּאָ־ליאַקן, וועלכע האָבן אָנגענומען, אַז אַזאַ באַציאונג צו די יידן איז די אָפּיציעלע ליניע פון פּוילישן אונטערגרונד. זיי האָבן נאַטירלעך נישט געחלומט, אַז די צייטונג האָט געזען די ליכטיקע שיין דורך דער איני־ציאַטיוו פון אַ יידן און אַז עס ווערט אויך אַרויסגעגעבן כמעט דורך יידן. אויסער די שטאַב־מיטגלידער האָבן אין דער דאָזיקער צייטונג אויך מיטגעאַרבעט ד"ר גאַרדאַן און סאָניע מאַדייסקער.

די פּויליש־נאַציאָנאַליסטישע געהיימע אויסגאַבעס האָבן ווי געהע־ריק געוואָרנט, אַז אונדזער צייטונג איז אַ פעלשונג און אַז מען זאָל זיך צו אירע רייד נישט צוהערכן. אָבער נישט אומעטום איז דאָך דערגאַנגען זייער רוף. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אויסבאַהאַלטן, וואָלטן געדאַרפט טיילן דעם גורל מיט דעם ווייט־גרעסטן טייל פון זייערע ברידער און שוועסטער, ווען נישט אונדזער קעגן־פּראָפּאַגאַנדע, פון וועלכער עס האָט זיך עפּעס צוגעקלעפּט צו די פּאָליאַקן.

ווען די דרוקעריי האָט געאַרבעט אין שטאָט מיט פולער פּאַרע, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, האָב איך באַשלאָסן, נאַטירלעך מיט דער הסכמה פון שטאַב פון פּ. פּ. אַ., צוצוגרייטן אַ צווייטע דרוקעריי, וואָס זאָל געהאַלטן ווערן אין רעזערוו. דאָס איז נייטיק געווען צוליב צוויי טעמים: 1) אין פאַל, ווען ס'זאָל געשען וואָסער־נישט־איז דורכפאַל, וואָס האָט געקענט יעדן מאָמענט פּאַסירן. 2) מען מוז אויסנוצן דאָס, וואָס כ'אַרבעט אין דער דרוקעריי, ווייל מ'קען דאָך נישט וויסן, ווען כ'וועל צוליב אומפאַראויסגעזעענע סיבות מוזן אויפהערן דאָרטן אַר־בעטן.

די צווייטע דרוקעריי, וואָס איז גיך צוגעגרייט געוואָרן, האָט זיך געפונען אין געטאָ גופא, אין אַ גוט־פאַרמאַסקירטן אָרט. מיר האָבן זיך שוין געקענט דערלויבן אַזאַ דרייסטן אַקט, ווייל אינצווישן זיינען די יידישע פּאַרטיזאַנער אין ווילנער געטאָ שוין געווען גוט אָרגאַניזירט און געווען בכוח דורכצופירן די העכסט־קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן.

# פאַלשע דאָקומענטן

אין יענער צייט — אַרום יאַנואַר, 1943 — איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן אַ זייער קאָמפּליצירטע. ס'האָט זיך נישט געטאָרט געפינען קיין מענטש אין יונגן עלטער, וועלכער זאָל נישט זיין אין געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד, אויב ער זאָל נישט האָבן די געהעריקע דאָקומענטן, וואָס באַפרייען אים פון אַרויסשיקונג. עס האָט דורך דעם געדראָט, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל פּאַראַליזירט ווערן, היות די עטלעכע קריסטלעכע מיטאַרבעטערס האָבן זיך מער נישט געקענט געפינען אין שטאָט. אויך אונדזערע יידישע „אַריערינס", וועלכע פלעגן גיין אין פאַרשיידענע שליחותן, האָבן זיך מער נישט געקענט באַוויזן אין גאַס אָן די געהעריקע דאָקומענטן, אַז זיי זיינען באַפרייט פון אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

כדי זיך אַרויסצודרייען פון דער שווער־געשאַפענער לאַגע האָט מען זיך געמוזט אַ וואָרף טאָן אויף גאָר אַ נייעם געביט: שאַפן פאַלשע דאָקומענטן.

איך פּרוואוו זיך נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט. אין דער דרוקעריי אַרבעט איך שוין מער ווי אַ האַלב יאָר און בין גוט אויפגעטראָגן מיט אַלע קריסטלעכע אַרבעטערס. זייער באַציאונג צו מיר איז מער ווי אַ קאָרעקטע און דאָס גיט מיר אַ מעגלעכקייט צו פועלן, אַז כ'זאָל קענען נעמען אַרבעטן אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, פון וואַנען ס'וועט זיין לייכטער אַרויסצוגנבֿענען אויטענטישע דאָקומענטן, וועלכע ווערן דאָרט געדרוקט.

די אַרבעט האָט געפאָדערט אומגעהויערע פּאַרזיכטיקייט, ווייל זי האָט געמוזט געמאַכט ווערן אונטער דער נאָז פון דעם אַרבעטער, וועלכער האָט צו יענעם מאָמענט געדרוקט.

ווי קריגט מען זיך אָבער אַהין אַריין?

כ'האָב געאַרבעט אויפן צווייטן שטאָק אין זעצער־אָפּטיילונג און די דרוק־מאַשינעס האָבן זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק, וואו כ'בין געווען זייער אַ זעלטענער איינגייער, ווייל ס'האָט נישט געהערט צו מיין אָפּטייל. איין טאָג בין איך ספּעציעל געקומען פריער צו דער אַר־

בעט, ווי אַלע אַנדערע, און האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין מאַשין־אָפּטייל־לונג. איך האָב אין דעם דאָרט שטייענדיקן זאַץ אין מאַשין, גרייט צום דרוקן, פון אַ דייטשישן וויכטיקן אויפרוף, אַרויסגעצויגן אַן אות. ווען די מאַשין האָט גענומען אַרבעטן בין איך צוגעגאַנגען אַזוי־זיך אַ קוק טאָן און נאָכן דורכלייענען ווייז איך דעם לייטער, אַז כ׳האָב „געפונען״ אַ פעלער. דער טעכנישער לייטער האָט מיר באַדאַנקט פאַרן געפינען דעם פעלער און דער אַרבעטער, וועלכער האָט פאַרריכט די קאָרעקטורעס האָט געקראָגן אַ שאַרפן אויסרייד. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער קען נישט גוט די דייטשע שפּראַך און דעריבער איז עס גאַנץ נאַטירלעך . . .

צו דעם האָב איך טאַקע געצילט און דאָס האָב איך גלייך אויסגענוצט, אונטערכאַפּנדיק, אַז מיר וועט נישט זיין שווער צו פאַרריכטן די קאָרעקטורעס אויף די מאַשינעס. אויפן הייסן מאָמענט האָב איך גיך געקראָגן די הסכמה פון טעכנישן לייטער. „כ׳האָב זיי געפּאַקט״ — האָב איך זיך דאַן אַ טראַכט געטאָן . . .

פון דאַן אָן פלעג איך, ווען ס׳פלעגט נאָר נייטיק זיין, גיין פאַרריכטן די קאָרעקטורעס, זייענדיק אין מאַשין־אָפּטייל, וואו ס׳האָבן זיך געדרוקט בלאַנקען פון וויכטיקע דאָקומענטן, באַשייניקונגען א. אַז. וו., פלעג איך שוין וואַרפן אַן אויג אויף דעם, וואָס ס׳איז נייטיק פאַר אונדז „אָפּצוציען״. דאָס שטיקל אַרבעט האָט געמוזט פאַרקומען אין גאַנג פון דרוקן, ווען ס׳איז נאָך נישט געפּעקלט און אויסגעציילט און נאַטירלעך דאַן, ווען דער אַרבעטער פון דער באַטרעפנדיקער מאַשין פלעגט אויף אַ ווײלע אַוועקגיין. אַזעלכע געלעגנהייטן זיינען אָבער נישט געווען צו אָפט. פונקט דאַן, ווען איך פלעג שוין אַראָפּגיין „אַמטלעך״ פאַרריכטן אַ קאָרעקטורע, פלעגט דער מאַשיניסט אַרבעטן מיט דער גאַנצער פאַרע און ס׳פלעגט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן. דאַן פלעג איך ווי אַ פאַרסמטער אַרויפלויפן פון אויבן אויף אונטן און פון אונטן אויף אויבן. אַ קאָרעקטורע, וואָס האָט געדאַרפט דויערן 5 מינוט צו פאַרריכטן, פלעגט ביי מיר אַמאָל דויערן אַ גאַנצע שעה. פאַרענטפערן פלעג איך זיך, אַז כ׳האָב די יוסט (אַזאַ טעכנישער טערמין) געפונען נישט אין אָרדענונג און ס׳האָט געדראָט, אַז ס׳זאָל אין מיטן דער אַרבעט אַרויסרייסן אותיות פון זאַץ, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דרוקן. אַזוינע און ענלעכע תירוצים פלעג איך צוטראַכטן צו פאַרענטפערן זיך, הלמאי דאָס קאָרעגירן דויערט ביי מיר אַזוי פיל צייט. אַזוי פלעג איך אַרומלויפן אַהין און אַהער, ביז עטלעכע פון די אונדז נייטיקע צעטלען פלעגן זיך ביי מיר געפינען אין אַ צוגעגרייטן בויגן מאַקלאַטור און דאַן עס פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין זעצער־אָפּטייל, וואו כ׳האָב געאַרבעט.

אויך אויף דעם אופן האָב איך אָבער לאַנג נישט געאַרבעט. דאָס אַלץ האָט געמוזט פאָרקומען געשווינד, ווי אַ פּינטל מיטן אויג, צומאָל האָט זיך געפֿאָדערט אויסניצן אַ מאָמענט, ווען דער אַרבעטער האָט זיך אָפּגעקערט זאָגן אַ צווייטן אַרבעטער אַ וואָרט, אַז כ׳זאָל פֿון דער צווייטער זייט פּלייצע ביי אים אַ כאַפּ טאָן דאָס, וואָס כ׳האָב גע־דאַרפֿט — און נאָך אַזאַ „כאַפּ״ פֿלעגט מיר גוט פֿאַרכאַפּן דאָס האַרץ. לויפֿנדיק אויף די טרעפּ צוריק צום זעצעריי־אָפּטייל, פֿלעג איך קוקן, צי מען יאָגט מיך נישט נאָך, צי האָט אַמאָל אַ זייטיק אויג נישט באַ־מערקט, וואָס דאָ איז נאָר־וואָס פֿאָרגעקומען. כ׳האָב קלאָר געזען, אַז אויב ס׳וועט אַזוי לענגער דאַרפֿן אָנהאַלטן, וועל איך זיכער דורכפֿאַלן. איך האָב דעריבער דעמאָלט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום דירעקטאָר מיט דער בקשה, אַז ער זאָל מיר געבן אַרבעט ביי אַ דרוק־מאַשין. מיין אַרגומענט איז געווען, אַז אין דייטשן אַרבעטס־אַמט האָט ער אָנגע־געבן, אַז איך וועל אַרבעטן אין מאַשין־אָפּטייל און איך אַרבעט גאָר אין זעצער־אָפּטייל, ער קען דעריבער האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן . . . דער דירעקטאָר איז גלייך מסכים געווען, ווייל אַרבעטער דאַרפֿן גראָד גיין אין אורלויב און ער האָט טאַקע נישט, וועך ס׳זאָל זיי פֿאַרבייטן.

פֿון יענעם מאָמענט הייבט זיך אָן פֿאַר מיר אַ ניי לעבן. אַלץ, וואָס נאָר ס׳דרוקט זיך אין מאַשין־אָפּטייל, קען איך לייכט און אָן גרעסערער ריזיקע אַרויסבאַקומען. נאָך אַ קורצער צייט פֿון מיין זיין אין דאָזיקן אָפּטייל, אָן ערך דריי מאָנאַטן, האָב איך געהאַט אַ שיינע קאָלעקציע פֿון אַלע מינים בלאַנקען, לעגיטימאַציעס, אַרבעטס־באַ־שייניקונגען און ענלעכס פֿון פֿאַרשיידענע דייטשע אינסטיטוציעס, ווי געביטס־קאָמיסאַריאַט, אַרבעטס־אַמט, און אַפֿילו פֿון ס. ס. און גע־סטאַפּאָ.

האָבנדיק שוין אַ פֿולן קאָמפּלעט פֿון כל־ערליי דאָקומענטן, האָט זיך נאָך געפֿאָדערט צו האָבן דעם מוסטער פֿון אָריגינעלע שטעמפּ־לען פֿון די פֿאַרשיידענע אַמטן. דורך קונצן און מאַנעווורעס איז מיר געלונגען אַרויסצובאַקומען אויך די אַלע געגעבענע מוסטערן פֿון די שטעמפּלען. נאָכן אַרויסציען פֿון די אָפּגעדרוקטע זאַצן די געהעריקע שריפֿט, פֿלעג איך אין געטאָ אויספֿאַרטיקן אַלע אונדז נייטיקע שטעמפּ־לען, אַזוי, אַז מיר האָבן געהאַט אַ פֿולן קאָמפּלעט פֿון אַלץ, וואָס איז אונדז געווען נייטיק, כדי צו באַזאָרגן מיט די געהעריקע דאָקומענטן אונדזערע מענטשן.

# מיר נייטיקן זיך אין געלט

דאָס מער ס׳איז בולטער געוואָרן, אַז דאָס געטאָ וועט קיין לאַנגן קיום נישט האָבן, וואָס מער מ׳האָט געזען, אַז אַלץ איז הפקר, אַז מיר וועלן זיך נישט אַרויסרייסן פון די נעגל פון טויט, אַלץ מער האָט דער סתם־ייד אין געטאָ גענומען ריזיקירן מיט זיין לעבן. דער ייד אין געטאָ האָט גענומען גנבענען און קויפן פון די דייטשן, אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן. ביז דעמאָלט האָט מען געגנבעט עסנ־וואַרג, מיליטערישע שינעלן, שיך, רימענס, פאַרב, קנעפּלעך, בלעך און וואָס ס׳האָט זיך בכלל געמאַכט אונטער די הענט. די וואָס האָבן געאַרבעט ווי גלעזערס און שלאָסערס פלעגן אין זייערע האַנט־קעסט־לעך, וואָס זיי האָבן געהאַט רעכט צו טראָגן, אַריינלייגן שטיקער בלעך, האָלץ, גלאָז וכד׳. ביי די אַרומיקע קריסטן האָט מען געקויפט בעיקר שפּייז, נאַטירלעך צו אַ פיל העכערן פּרייז, ווי זיי וואָלטן עס געקענט פאַרקויפן צו אַ נישט־יידן.

געווען איין זאַך, וואָס יידן האָבן נישט געכאַפּט: דאָס איז געווען געווער. פון דעם פלעגן יידן וואָס ווייטער זיך אָפּרוקן, עס זאָל, חלילה, נישט פאַלן אויף זיי קיין חשד, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט דעם. די דייטשן האָבן יידישע בריגאַדעס גראָד באַשעפטיקט ביי געפערלעכע אַמוניציע־סקלאַדן, ביים פאַרניכטן פאַרשיידענע אומטויגעוודיקע באָמבעס וכדומה. נישט איין ייד איז אומגעקומען ביים אויפרייסן אין בורבישאָק אַזעלכע אויפרייס־מאַטעריאַלן, אָבער דעם סתם־יידן איז דעמאָלט אויפן זינען נישט געקומען צו גנבענען אָדער גאָר האַנדלען מיט געווער. מיט דעם האָבן זיך פאַרנומען די מענטשן פון דער פ. פ. אָ.

אָבער ווען די האָפענונג זיך צו ראַטעווען פון טויט איז אין געטאָ קלענער געוואָרן, ווען ס׳האָט זיך גענומען שטאַרקן די שטימונג ביי יידן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס אָנצואווערן, האָט זיך גענומען פאַרגרעסערן די צאָל פון יחידים, וואָס ריזיקירן און גנבענען אַפילו געווער. טייל האָבן עס גענומען טאַקע פאַר זיך, אפשר וועט עס דאָך אין אַן עת־צרה צוניץ קומען. טייל האָבן עס אַפילו אַריינגענומען אין זייער „מסחר״. אמת, קיין סך בעלנים אין געטאָ האָבן זיך נישט געפונען אויף אַזאַ שטיקל „סחורה״, אָבער טאָמער האָט זיך שוין יאָ אָפּגע־

זוכט אַ קונד, וואָס האָט געוואָלט האָבן „אַזאַ זאַך”, פּלעגט ער שוין באַצאָלן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין . . .

דער פּראָצענט פון די, וואָס טראָגן אַריין געווער, איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

סתם יידן אין געטאָ האָבן, נאַטירלעך, נישט געהאַט די מינדסטע ידיעה וועגן נייעם אַפּצווייג אין האַנדל פון געטאָ. אָבער אונדזער אויסשפּיר האָט שוין גאַנץ גענוי געוואוסט, ווער ס׳טראָגט אַריין דאָס געווער, ווייל אין 90 פּראָצענט פאַלן פלעגן טאַקע אונדזערע אייגענע חברים אויף אַ פאַרשטעלטן אופן איינריידן די שמוגלערס צו ברענגען געווער אין געטאָ אַריין און שפּעטער אָפּקויפן עס פון זיי.

און אַ מאָדנע זאַך: גראָד דעמאָלט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַריינשמוגלען מער געווער אין געטאָ, איז דער דאָזיקער אַרטיקל שטאַרק טייערער געוואָרן. אַ רעוואָלווער, וואָס האָט זיך פריער פאַרקויפט פאַר 1500—2 טויזנט מאַרק, האָט שפּעטער, דאַן ווען ס׳האָבן זיך דווקא גענומען באַווייזן מער „כלים”, געקאָסט פון 10—15 טויזנט מאַרק.

ווען די פּרייזן פון געווער האָבן גענומען שטאַרק שטייגן, האָבן זיך געשאַפן געלט־שוועריקייטן פאַר דער פ. פּ. אָ. זיך איינצושאַפן עס אין אַ געהעריקער צאָל.

ביז אַהער איז דער הויפּט־יסוד פון דער פ. פּ. אָ.־קאַסע געווען — די אויסגעגראָבענע אוצרות אין צווייטן געטאָ. נאָך דער ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ האָט די יידישע פּאָליציי אַהין אָפּגעשיקט אַ גרופּע פּאָליציסטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צוזאַמענצונעמען אין צווייטן געטאָ, וואָס דייטשן און ליטווינער האָבן נישט באַוויזן עס צוצונעמען.

היות יוסף גלאַזמאַן, וואָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פירערס אין דער פּאָליציי, איז אויך גלייכצייטיק געווען דער וויצע־קאָמענדאַנט פון פ. פּ. אָ. — האָט ער קאָמפּלעטירט אַ גרופּע פּאָליציסטן, וואָס זיינען געווען אויך חברים פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער פּאָליציסטן־עקספּעדיציע און זייער אויפגאַבע איז געווען בעיקר צו געפינען פאַרבאָרגענע אוצרות פון די פאַרטיליקטע יידן פון צווייטן געטאָ. אַלץ, וואָס איז דורך זיי געפונען געוואָרן, איז אַריין אין קאַסע פון פ. פּ. אָ. און איז געווען דער פונדאַמענט פון אירע פינאַנצן.

אָבער וואָס מער ס׳האָט זיך פאַרברייטערט דער שוואונג פון דער אָרגאַניזאַציע און וואָס מער די פּרייזן אויף געווער האָבן גענומען שטייגן און איינשליינגען גרויסע סומעס געלטער — אַלץ קריטישער איז גע־

ווארן די פינאַנציעלע לאַגע פון פּ. פּ. אָ. קיין נייע געלט־מקורות אין גרעסערן מאַסשטאַב האָבן זיך נישט געזען, האָט דער שטאַב באַשלאָסן צו מאַכן אַ זאַמל־אַקציע ביי די אייגענע חברים.

דער ציל איז געווען — 100 טויזנט מאַרק. יעדער דאַרף געבן אַזויפיל, אַז ס׳זאָל ווי טאָן, שטאַרק ווי טאָן.

מיט התלהבות האָט יעדער פון די פּ. פּ. אָ.־מיטגלידער אָפּגעגעבן דאָס טייערסטע, וואָס איינער האָט פאַרמאָגט.

די אַקציע האָט געגעבן כמעט טאָפּלט אַזויפיל, ווי מ׳האָט דער־וואַרט.

אויף חיי־שעה איז אַזאַ אַקציע געווען גענוג. אָבער נאָך עטלעכע גרעסערע איינקויפן פון געווער — און קיין געלט איז שוין ווידער נישטאָ אין קאַסע.

מאַכן אויסערלעכע אַקציעס, וואָס וואָלטן אַריינברענגען גרע־סערע סומעס, קען מען נישט, ווייל דאָס איז אַ דעקאָנספּיראַציע פון חברים.

ווי קריכט מען אַרויס פון דער שווערער לאַגע? מען מוז האָבן געלט, פיל געלט. יעדער דורכגעלאָזענער מאָמענט פון נישט איינקויפן געווער איז סכנהדיק פאַר אונדזער גאַנצער אַרבעט.

איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ פּראָיעקט פון שאַפן געלט פאַר דער פּ. פּ. אָ., פון וועלכן כ׳האָב זיך תחילת אַליין דערשראָקן. פונדעסטוועגן בין איך אַוועק צו גלאַזמאַנען און אים פאַרטרויט מיין פּלאַן. גלאַזמאַן איז אין אַנהייב געבליבן אַ געפּלעפטער פון מיין פאַר־שלאַג, אָבער ער האָט דאָך באַשלאָסן עס צו ברענגען צו אַ זיצונג פון שטאַב.

די הויפּט־אידייע פון מיין פּראָיעקט איז געווען אַזאַ: די פּ. פּ. אָ. דרוקט אָפּ פאַלשע ברויט־קאַרטן, וואָס קען אַריינברענגען אַ מיליאָן מאַרק אַ חודש הכנסה.

דער שטאַב פון פּ. פּ. אָ. האָט נאָך לענגערע קווענקלענישן מיין פּלאַן אָנגענומען. ער האָט אָבער באַשלאָסן, אַז כדי צו פאַרקלענערן די מעגלעכקייט פון אַ דורכפאַל, זאָל מען דרוקן נאָר אַזאַ צאָל פאַלשע ברויט־קאַרטן, וואָס קענען אַריינברענגען נאָר 250 טויזנט מאַרק.

כ׳האָב געלאַכט: זיי דינגען זיך מיט מיר אויף ווייניקער . . .

לאַנג ריידן איז נישט געווען וואָס. פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר: געלט! — געלט אין די הענט פון דער פּ. פּ. אָ. מיינט — קוילן־וואַרפערס, ביקסן, רעוואָלווערן, קוילן, אַלים א. אז. וו. געלט אין די הענט פון אונדזערע חברים־ות איז: טויט אונדזערע טויטערס.

מען האָט מיך באַפולמעכטיקט דורכצופירן די זאַך. צוהילף האָט

מען מיר געגעבן דעם פ. פ. אָ.־חבר מוראַוושיק, וועלכער איז אַן אויסגעשטודירטער כעמיקער און האָט דעריבער אַ ידיעה אין פאַרבן... ער האָט אויך צו זיין דיספּאָזיציע אַ צימערל, וואָס געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואו כ׳קען אויך עווענטועל אַרבעטן בייטאָג אין קעגנ־זאַץ צו מיין תמיד נאַכטיקער אַרבעט אין דער מאַלינע פון די געווער.

מיר זיינען אַרויף צו אים אין צימערל. אין ערשטן צימער האָט זיך געפונען אַ משפחה פון קאָוונע, מיט וועלכער ער האָט געלעבט אין די בעסטע באַציאונגען. כ׳האָב באַקוקט דאָס צימערל און געקומען צום באַשלוס, אַז מ׳קען דאָ איינאָרדענען דאָס פאַבריקל פון קאַרטן.

מיר האָבן גענומען אַריבערטראָגן טיילן פון דער האַנט־מאַשין. איין מאָל און אַ צווייט מאָל. אַריין און אַרויס. די שטוביקע פון ערשטן צימער האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם.

צום דריטן מאָל האָב איך באַמערקט, אַז ביים טיש זיצט עפּעס אַ פּערזאָן, וועלכער איז מיר געווען קענטלעך. דאָס איז געווען איינער פון דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג, וועלכער האָט מיך געקענט, אַז כ׳בין פון „יענע״. ווען כ׳בין אַוועק האָט ער זיך נאָכגעפרעגט, צו וועמען כ׳קום אַרויף און די קאָוונער משפחה האָט אים געזאָגט, אַז צו זייער שכן. — דער יעניקער האָט דערציילט מיין גאַנצן „יחוס״, אַז איך בין פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, וועלכע האָט געווער און אַז איך קום נישט גלאַט „אין געסט״.

אַ פּחד איז באַפאַלן די עלטערע פרוי און די אַלע שטוביקע.

ווען מיר זיינען צום דריטן מאָל אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס, האָבן אַלע שטוביקע פון ערשטן צימער זיך אויפגעשטעלט, און מיר האָבן תיכף געזען, אַז די שכנים האָבן זיך דערוואוסט אונדזער סוד.

די קאָוונער משפחה, וואָס האָט זיך צו מיין מיטאַרבעטער באַצויגן, ווי צו אַ זון, האָט אויסגעגאָסן דאָס ביטערע האַרץ נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרלאָזן מוראַוושיקס צימער.

— מיר ווייסן שוין אַלץ. דער חבר אייערער, וואָס מיר האָבן אים נאָך ביז היינט נישט געזען ביי אייך און וואָס איז שוין היינט מיט אייך עטלעכע מאָל געקומען, געהערט צו „יענע״. ווי מיר פאַרשטייען איצט, געהערט איר אויך צו זיי. דאָס וואָלט נאָך אויך אונדז נישט אַזוי שטאַרק געאַרט, ווען איר ברענגט נישט נאַר־וואָס אַ שווערן „פּור־לעמיאַט״ אין שטוב אַריין, — און ביי די ווערטער האָט זיך די עלטערע פרוי פאַנאַנדערגעוויינט . . .

כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן אָפּצועסן, ווי מיין מיטהעלפער איז שוין געווען ביי מיר און האָט מיר איבערגעגעבן וועגן זייער שמועס. מיט

די זעלביקע הוצאות האָבן מיר גענומען דאָס פּעקל צוריק אַהין, פון וואַנען מיר האָבן עס געבראַכט.

ווען די משפחה האָט געזען, אַז דאָס צימער איז שוין ווידער אָפן און אַז דאָרט איז גאָרנישט נישטאָ, האָבן זיי לייכטער אָפּגעאָטעמט און נישט אויפגעהערט צו באַדאַנקען דעם שכן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן דעם „פּולעמיאָט" פון שטוב . . .

כ'האָב דעריבער געמוזט ווידער אַרבעטן די נעכט אויף מיין אַלטן פּלאַץ, וואו עס איז געווען דער הויפּט־אַרסענאַל פון אונדזער געווער.

אינצווישן איז שוין קאָמפּלעקטירט געוואָרן אַ ספּעציעלע גרופּע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּנעמען די אַרטיקלען אויף פאַלשע ברויט־קאַרטן און זיי פאַרקויפן. אין איר שפּיץ איז געשטאַנען אַדוו. אַבראַשע כוואַיניק, וועלכער האָט עס מוסטערהאַפט אָרגאַניזירט.

הונדערטער קילאָען פון כל־טוב זיינען אָפּגענומען געוואָרן אויף די פאַלשע קאַרטן. אַ פערטל מיליאָן מאַרק איז שוין געלעגן אין קאַסע פון די פאַרקויפטע פּראָדוקטן.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך ממש געשטעלט אויף די פיס. אַ מאָנאַטלעכע הכנסה פון אַזאַ סומע — איין קלייניקייט! און אויב ס'וועט נייטיק זיין, קען אויך זיין מער. ס'ווענדט זיך נאָר אָן אונדז אַליין . . .

מיט אומגעדולד פלעג איך און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געוואוסט פון די „קאַרטן", געוואַרט אויף דעם נייעם ערשטן אין חודש, כדי צו קענען אויף דעם אופן אַריינברענגען נייע געלטער, אין וואָס מיר האָבן זיך אַזוי גענייטיקט . . .

⁂

אויף ברייטע, ראָג סאָוויטש־גאַס, האָט זיך געפונען אַ פּוילישע דרוקעריי. דער אינהאַבער דאַנבראָווסקי מיט זיין שותף פלעגט אין דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע דרוקן פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע אויסגאַבעס, זייענדיק אַליין ענדעקעס (אַזאַ אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי).

ווען געסטאַפּאָ האָט געזוכט אונדזער געהיימע דרוקעריי, האָבן זיי אויך דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דער אויבנדערמאָנטער דרוקעריי. צו זייער איבערראַשונג האָבן זיי געפונען סמנים פון געדרוקטע פאַלשע ברויט־קאַרטן. דאָס האָבן די צוויי שותפים געדרוקט די קאַרטן מיטן ציל זיך פערזענלעך צו באַרייכערן. זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זיי עפנטלעך ביי דער קאַטעדראַל אין שטאָט אויפגעהאַנגען.

# מ׳וויל פון אונדז פטור ווערן...

ביז 2 ביינאַכט האָב איך געאַרבעט אין דער געהיימער דרוקעריי אין געטאָ גופא.

6 פאַרטאָג איז צו מיר געקומען די שטאַב־פאַרבינדלערין ראַשקע מאַרקאָוויטש און האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

זי גיט מיר איבער, אַז היינט וועט זיין אַ גרויסע אַבלאָווע פון דער יידישער פּאָליציי און אַ סך וואָס זיינען באַשעפטיקט אין געטאָ גופא, וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט אויפן עראָדראָם אין פּאָרו־באַנעק. ראַשקע דערציילט אויך, אַז די געטאָ־פּאָליציי וועט אַרויסגעבן קאַרטלעך מיט אַ ספּעציעלן שטעמפּל פאַר די יעניקע, וועלכע זיינען באַפרייט פון דער אַרבעט אין פּאָרובאַנעק.

ס׳איז קלאָר, אַז אויב מען זאָל נישט אויף וועלכן ס׳איז אופן פאַר־לויפן דעם וועג, וועט זיין פשוט אוממעגלעך דורכפירן פאַרשיידענע אונטערערדישע אויפגאַבעס אין געטאָ.

אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען מיר שוין ביידע געווען אין גאַס. מיר זיינען אַרויף צו איר אין דירה, וואָס איז געווען באַוואוינט פון אייגענע מענטשן, וואו מ׳האָט מיך געוויזן אַן אָריגינעלע קאַרטל.

כ׳האָב עס באַקוקט און געווען צופרידן, וואָס כ׳וועל עס קענען אַן גרעסערע שוועריקייטן מאַכן. אינצווישן האָט מען שוין אויפגעוועקט די, וואָס האָבן די שליסלען פון אונדזער גרעסטן און וויכטיקסטן געווער־מאַגאַזין, וואו ס׳האָט זיך געפונען די דרוקעריי. כ׳בין דאָרט אַריינגעקראָכן — און אין אַ שעה אַרום זיינען שוין געווען פאַרטיק 100 קאַרטלעך.

כדי די יידישע פּאָליציי זאָל גאָרנישט פאַרדעכטיקן, האָט דער שטאַב פון פ. פּ. אָ. באַשלאָסן, אַז אויך עטלעכע חברים פון דער פ. פּ. אָ. זאָלן גיין אויף דער ספּעציעלער אַרבעט איז פּאָרובאַנעק. איינע פון זיי איז געווען אונדזער מיטגליד מרים גאַניאַנסקי, וואָס איז שוין גע־ווען האַלב־דעקאָנספּירירט. דערמיט האָט מען געשאָטן זאַמד אין די אויגן פון גענס און דעסלער, די יידישע מושלים פון געטאָ. ביי דער שטרענגער קאָנטראָל אין גאַנצן געטאָ האָבן זיך אונדזערע ווי גע־העריק לעגיטימירט . .



איליא שיינבוים, קאָמאַנדיר פון דעם פּאַרטיי־דיקונגס־פונקט אויף סטראַשון גאַס נומ. 12. געפאַלן דאָרט אין קאַמף. ס׳זיינען אויך אומגעקומען די פ.פ.א.־קעמפּפערס חיים נאַפּאַלעאָן און גורוויטש. בילד לינקס, דאָס אויפגעריי־סענע הויז. אויפן בילד רעכטס: אברהם סוצקעווער, לינקס: יצחק קאָוואַלסקי. (בילד גענומען נאָכן קריג).





לוויה פון איליא שיינבוים



ד״ר יעקב ווינאַדסקי

איז געווען דער פּאַטער פון ירושלים דליטא.
דער בילד איז פון דער צייט ווען ער איז געזעסן אין טשער־קעסער געפאַנגען־לאַגער ביי די דייטשן אין 1917. אומגעבראַכט דורך די נאַצים אין 1941.


Na frontach

MARSZAŁEK STALIN O UTWARCIU DRUGIEGO FRONTU

22 CZERWCA 1941

22 CZERWCA 1943

Przeczytaj i daj drugiemu

KRONIKA

Za Wolność

איינע פון אונדזערע אויסגאבעס, סיי די שטאַטישע און סיי די וואַלד־
אויסגאבעס האָבן געהאַט איבערן טעקסט דעם פּאַראָל :
„א טויט דעם דייטשן אקופאנט ! "

# מחברים פון ביכער, וועלכע וידמען קאפיטלעך וועגען דער געהיימער דרוקעריי



אברהם סוצקעווער



רושקא קארטשאק



שמערקע קאטשערגינסקי



ד״ר מארק דווארזשעצקי



חיים לאזאר




אויף מיין איניציאַטיוו האָט די וואַלד־צייטונג געווידמעט אַ גרויסן אַרטיקל א״נ „פּאָנאַרי״ (דער פּאַרניכטונגס־אָרט פון די ווילנער יידן).

## „זאָל ער שטאַרבן מיט זיין ׳נאַטירלעכן׳ טויט“

איך האָב געוואוסט, אַז איינצלנע פון די פּאַליאַקן, וואָס געהערן צו דער געהיימער א. ק.־אָרגאַניזאַציע, האָבן אָנגעפרעגט, ווי ס׳דאַרף זיין זייער באַציאונג צו דעם „יודע“ אין דרוקעריי און אַז „פון אויבן“ האָט מען געזאָגט: זאָל ער שטאַרבן מיט זיין „נאַטירלעכן“ טויט . . .

אַ גרויסן טייל אַרבעטער האָב איך געקענט פון פאַר דער מלחמה, ווען זיי האָבן געאַרבעט אין דער איינציקער באמת דעמאָקראַטישער פּוילישער טאָג־צייטונג „קוריער פּאָוּשעכני“ (אוניווערסאַלער קור־יער), רעדאַגירט פון באָלעסלאַוו וויט סוויענציצקי, וועלכע האָט זיך געדרוקט אין אונדזער דרוקעריי.

ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן וועגן מיר געהאַט אַ גוט־וואָרט, האָבן שוין אַלע אַנדערע אויך צוגעבאַמקעט. זעענדיק, אַז די ליטווישע אַדמיניסטראַציע פון דער דרוקעריי באַציט זיך צו מיר העפלעך, האָבן די פּאַליאַקן געוואָלט אַריבערשטייגן די ליטווינער און צו מיר אַרויסגעוויזן נאָך מער העפלעכקייט. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָב איך פון זייער נאַציאָנאַליסטישער „פּאָליטיק“ געהאַט אַ ריזיקן נוצן.

איך האָב דאָך געמוזט אָפּזיצן אין דער דרוקעריי מיינע 8 שעה און שפּעטער אויך 10 שעה דורכן טאָג. כמעט אַלע נאָכט ביז אין די שפּעטע שעהן אַריין און אָפט ביז סאַמע פאַרטאָג האָב איך געאַרבעט אין דער געטאָ־דרוקעריי. ס׳איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ נישט דערשלאָפנ־קייט האָב איך גענומען פאַלן פון די כוחות. אַנשטאָט קומען פּינקטלעך 8 אַזייגער אין דער פרי, פלעג איך קומען צו דער אַרבעט אַרום ניין. דאָס האָב איך גענומען איינפירן נאָך דעם, ווי כ׳האָב זיך צופעליק אַמאָל פאַרשפּעטיקט. כ׳האָב זיך פאַרענטפערט, אַז ביים אַרויסגאַנג פון געטאָ איז אַ ריזיקע ריי און ס׳האָט געדויערט צוויי שעה ביז איך בין דורך דעם טויער, ווייל מ׳האָט היינט פאַרן אַרויסגיין אין שטאָט שטרענג קאָנטראָלירט. דער הויפּט־מייסטער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ פאַקט (ווייל אַזוינס פלעגט אָפט טרעפן) און געזאָגט, אַז ס׳מאַכט נישט אויס. נאָכן קריגן אַזאַ ענטפער איז שוין מיין שטענדיק קומען

צו דער אַרבעט געוועזן מיט אַ שעהדיקער פאַרשפּעטיקונג. פאַר מיר האָט עס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

די איין שעה האָט נאַטירלעך נישט געקענט דעקן מיין נישט דערשלאָפנקייט. אין דרוק בין איך אַרומגעגאַנגען מיט גלאַנציקע אויגן, וואָס בעטן זיך נאָך שלאָף. האָב איך איינמאָל בעת דער אַרבעט זיך פאַרשטעקט צווישן די צענדליקער קיילעכדיקע באַלן פּאַפּיר פון די ראָטאַציע־מאַשינען, וואָס זיינען געלעגן אין אַ געוויסן זאַל אין דער געביידע פון דער פאַבריק. דאָרטן האָב איך זיך „צוגעלייגט" אויף אַ האַלבער שעה, אָבער בין אָפּגעשלאָפן גאַנצע דריי שעה. ווען כ׳בין אַרויף צוריק, האָט מיר קיינער קיין זאַך נישט געזאָגט.

די לאַסט פון מיין אַרבעט אין געטאָ איז געוואָרן אַלץ שווערער פאַר מיר. ס׳פלעגט דערגיין אַזוי ווייט, אַז אין דער דייטשער דרוקעריי איז געוועזן מיין אַפּרו־אָרט . . . דאָרט פלעג איך גלייך נאָכן קומען און באַגריסן זיך מיט די פירערס פון דער אַדמיניסטראַציע אַוועקגיין צווישן די באַלן פּאַפּיר און דאָרט אָפּשלאָפן ביז מיטאָג.

די גאַנצע זאַך פלעגט פאָרקומען אויף שטום־לשון. דער אָנפירער פון דעם זעצער־צעך, דער שטאַרק באַוואוסטזיניקער, ליבעראַלער קריסט פּאַשקעוויטש האָט גאַנץ גענוי געוואוסט, אַז כ׳שלאָף אָפּ ביז מיטאָג, — אָבער ער האָט געשוויגן.

אַז מען זאָל דאָך ניט אָננעמען מיין שלעפעריקייט, ווי אַ „יידישע" פוילקייט צו אַרבעטן, האָב איך איין טאָג געפּרוּווט אויפקלערן פּאַשקעוויטשן וועגן מיינע לעבנס־באַדינגונגען אין געטאָ. איך האָב אים דערציילט, אַז כ׳וואוין אין אַ קליין צימערל און מיט פיל פּערזאָנען צוזאַמען מיט קליינע קינדער און די לעצטע וויינען אַ גאַנצע נאַכט און די היץ איז גרויס און כ׳שלאָף כמעט די גאַנצע נאַכט נישט. דער עלטערער קריסט האָט מיר געענטפערט, אַז כ׳טו גוט, וואָס כ׳שלאָף זיך דאָ אַ ביסל אויס . . . נאָכן הערן אַזעלכע דיבורים איז שוין גע־וואָרן דער שלאָף ביז מיטאָג מיין טעגלעכע פּראָגראַם פון „אַרבעט" אין דער דרוקעריי. גאָר גיך האָבן שוין געוואוסט פיל אין דרוק, אַז כ׳לעב אין שוידערלעכע וואוין־באַדינגונגען, אַז כ׳מוז דאָ אַ ביסל שלאָפן . . .

נאָך דער מיטאָג־הפסקה פלעג איך זיך דערפאַר מיט התמדה אַ נעם טאָן צו דער „אַרבעט". כ׳פלעג ווי אַ וויכער אַרומלויפן פון איין ראַגאַל צום צווייטן. דאָס פלעג איך פאַנאַנדערנעמען די טעגלעכע פּויליש־דייטשע צייטונג „גאַניעץ צאַדזשיענני". 90 פּראָצ. פון נאָכ־מיטאָג־אַרבעט פלעגט זיין צו אונדזער בוצן . . .

# אַ געסטאַפּאָ־אַגענט אינעווייניק

דער איינציקער, מיט וועמען כ׳האָב נישט געהאַט קיין מגע און משא, איז געווען אַ יזנגער ליטווינער, וואָס האָט געאַרבעט אין שטעמפּל־אָפּטייל. דאָס איז געשען נישט דערפאַר, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט זיך חברן מיט אים, נאָר ווייל יענער פלעגט מיר אַפילו אויף מיינס אַ באַגריסונג נישט ענטפערן . . . כ׳האָב זיך אויסגעמיטן מיט אים צו טרעפן. כ׳בין געווען צופרידן, וואָס ער זיצט אין אַ באַזונ־דער צימער, וואוהין ס׳איז פאַרבאָטן אַריינצוגיין אָן אַ באַזונדער פּאַרוואָס. איך האָב אים פאַרדעכטיקט, אַז ער איז אַן אַגענט פון גע־סטאַפּאָ, און גאָר גיך האָט זיך מיין חשד באַשטעטיקט.

אין דער דרוקעריי איז פאַרגעקומען אַ „זאַבאַסטאָווקע״, צו וועלכער ס׳זיינען געקומען כמעט אַלע אַרבעטערס. געפעלט האָט צ״אַ דער פאַר מיר „פריינדלעכער״ ליטווינער. אין האַלבער נאַכט האָט זיך פאַנאַנ־דערגעעפנט די טיר, און אַ גוט בגולפנדיקער האָט זיך דער ליטווינער אַריינגעלאָזן אין אַן אוניפאָרם פון ס. ד. אין ראַנג פון אַן אונטער־אָפיציר. וועגן דעם פאַל האָט מען מיר באַלד איבערגעגעבן.

כ׳בין דעמאָלט געווען צופרידן, וואָס כ׳ווייס ווער ער איז. מיט אַ דעקאָנספּירירטן ס. ד.׳ניק איז לייכטער זיך אַן עצה צו געבן. דאָך איז זיין געפינען זיך אין דער דרוקעריי געווען אַ גרויסע געפאַר פאַר מיר און, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אויך פאַר די פאַליאַקן.

דעם גוט־מאָרגן פלעג איך אים טראָגן אַנטקעגן, ווען ער פלעגט מיר אַפילו אויף דעם נישט ענטפערן. ס׳זיינען קענטיק געווען פאַ־ליאַקן, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אַז דער „פויגל״ זאָל זיך אין דער דרוקעריי נישט געפינען. מ׳האָט דערטראָגן אין דער ס. ד. וועגן דעם פאַל, אַז ער איז געקומען שיכורערהייט אויף דער הוליאַנקע און האָט דורך דעם „פאַרשעמט״ די אוניפאָרם פון ס. ד.

דער שקאָץ איז באַזייטיקט געוואָרן פון ס. ד. נאַטירלעך נישט דערפאַר, וואָס ער האָט „פאַרשעמט״ זיין אוניפאָרם. נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט עס אָנגעטאָן דאַן, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט דערצו.

# צעבראָכן אַ פינגער . . .

אין געטאָ גופא האָט געסטאַפּאָ אויך געהאַט אירע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען בערקע ראַזענטאַל, דער געוועזענער אַרויסגעבער פון דער פאַרמלחמהדיקער ווילנער אָונט־צייטונג „דער אָונט־קוריער״. כ׳האָב זיך מיט אים גוט געקענט.

ווען ער פלעגט מיך טרעפן אין געטאָ פלעגט ער מיך פאַרטשעפּען און זיך מיט מיר אָפּשטעלן ריידן. איך האָב שוין געוואוסט, ווער ער איז און בין ווי געהעריק דורך גלאַזמאַנען געוואָרנט געוואָרן.

וואָס מיר זאָלן נישט האָבן גערעדט, פלעגט ער צום סוף אַרויס־קומען מיט אַ כלומרשט אומשולדיקע פראַגע: ווי זיינען מיינע באַציאונגען מיט גלאַזמאַנען? ער האָט שוין צו יענער צייט געוואוסט טיילווייז, אַז עס עקסיסטירט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע און ער האָט נאָר געוואָלט וויסן מיין שייכות מיט איר. כ׳האָב אים פאַרזיכערט, אַז מיט אַ צייט צוריק זיינען גלאַזמאַן און איך געווען פריינד, אָבער לעצטנס זיינען מיר צעקריגט. בערקע האָט געגלויבט. צום שלימזל, האָט ער אונדז די זעלביקע נאַכט, ווען דאָס געטאָ איז שוין געשלאָפן געטראָפן ביידן גייענדיק, זייענדיק פאַרטיפט אין אַ וויכטיקן שמועס.

צוליב זיכערקייטס־טעמים האָט דער שטאַב באַשלאָסן, אַז כ׳זאָל אויפהערן אויף אַ געוויסער צייט צו גיין צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי. כ׳האָב פאַרבאַנדאַזשירט אַ פינגער און אונטערגעלייגט אַ ברעטל. ס׳הייסט: צעבראָכן אַ פינגער . . .

איידער מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז זיין „דזשאָב״ איז אַן אַנדערער, ווי נאָכפאָלגן מיך, איז אַריבער אַ מאָנאַט צייט. לויטן געזעץ, דאַרף מען ברענגען אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר וועגן אַ קראַנקייט, אָבער דאָס האָט מען פאַר מיר נישט געקענט קריגן. כיענע באַראַווסקי, וואָס איז געווען איינע פון אונדזערע אַקטיווסטע פּ. פּ. אָ.־טוערינס, האָט געאַרבעט אין געטאָ־אַמבולאַטאָריע, און אויך זי האָט נישט געקענט פאַר מיר באַזאָרגן קיין באַפרייאונגס־צעטל. אַזוינס האָב איך זיך שוין אָבער אַליין באַזאָרגט . . .

# אַ געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן — מיין רעטער...

איין מאָל בין איך גראָד געווען פאַרטיפט אין פּאַנאַנדערנעמען דעם זאַץ און אַריינקוקן, וועלכע אותיות כ׳דאַרף פון דעם שטיקל זאַץ אַרויסנעמען „פּאַר זיך״. איך האָב אָבער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ס׳שטייט ווער לעבן מיר. איך הויב אויף דעם קאָפּ — און ס׳ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: לעבן מיר שטייט אַן אוניפאָרמירטער געסטאַפּאָוויעץ אין ראַנג פון אַ הויפּט־מאַן (קאַפּיטאַן) און די גאַנצע דרוקעריי איז פול מיט געסטאַפּאָ־לייט און זייערע ציווילע אַגענטן.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט מער התמדה זיך גענו־מען פאַרקען אין דעם זאַץ. איך האָב געאַרבעט, אָבער אין מוח האָט געבערענט נאָר איין מחשבה: איז עס מיין סוף? נישטאָ דער מינדסטער אויסוועג זיך צו ראַטעווען.

די „אָבלאַווע״ איז פאַרגעקומען ערב פאַרענדיקן די אַרבעט און אַלע צונויפגעשלעפּטע דאָקומענטן, וואָס ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן דורכן טאָג אַרויסצוגנבענען, צווישן זיי אויך בלאַנקען פון ס. ד., זיינען שוין געווען אַרויסגענומען פון זייערע מאַסקירטע ערטער און זיך גע־פונען לעבן מיין אַרבעטס־אָרט.

ביי דעם טיש, וואו כ׳בין געשטאַנען און געאַרבעט, האָט גע־נומען ממש ברענען אונטער די הענט... כ׳שטעל איינס אַהער און איינס אַהין. ס׳גייט אַן אַרבעט... דער געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן שטייט שוין באַלד 15 מינוט לעבן מיר, רירט זיך נישט פון אָרט און קוקט אויף מיינע הענט־באַוועגונגען. כ׳נעם זיך אַן מיט דרייסטקייט און פּרוּאוו אָפּגיין עטלעכע מעטער, כדי עפּעס צו נעמען. דער געסטאַפּאָ־וויעץ קערט זיך אָפּ אין יענער ריכטונג, וואוהין איך גיי. כ׳גיי צו צוריק און אַרבעט ווייטער. דער „טייערער אורח״ נעמט אין זיינע הענט אַ שטיק זאַץ, וואָס איך האָב אָקאָרשט איבערגעשטעלט אויף אַן אַנדער אָרט. אָבער דאָס שטיקל זאַץ, וואָס איז געווען גוט פאַרבונדן, צעשיט זיך אינגאַנצן.

כ׳בין צוגעשפּרונגען און געמאַכט אַן ערנסטע מינע. צום ערשטן מאָל האָט דער געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן צו מיר אויסגערעדט אַ פּאָר ווער־

טער: „וואָרום איז עס ביי מיר צעפאַלן און ביי אײנען ניכט. איך האָבע איינען גראָסען שאַדען געמאַכט, ניכט וואָר?"

— נייך, נייך, ס'מאַכט נישט. כ'וועל עס באַלד פאַררעכטן — ענטפער איך.

כ'האָב זיך גענומען צונויפשטעלן דעם צעשאָטענעם זאַק. דער געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן איז אין משך פון דער גאַנצער צייט געשטאַנען און מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעקוקט.

די איבעריקע האָבן איבערגעקערט די דרוקעריי מיטן קאָפּ אַראָפּ. מ'האָט געבישטערט אַלץ און אַלעמען. צו מיר, צום „יודע", וואָס האָט געטראָגן די געלע לאַטעס אפילו ביי דער אַרבעט, איז קיינער נישט צו, ווייל לעבן מיר איז דאָך געשטאַנען דער שעף פון דער רעוויזיע בכבודו ובעצמו.

כ'האַלט שוין ביים ענדיקן און ס'ווילט זיך, אַז ער זאָל ווייטער וואָס צעשיטן, וועט ער אפשר ווייטער שטיין לעבן מיר און גאָרנישט ריידן און אויך גאָרנישט טאָן . . .

כ'האָב גראָד געדאַרפט נעמען מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געלעגן לעבן פענצטער. איך האָב גיך אַ בליק געטאָן אין דרויסן און ס'איז מיר נאָך מער פינצטערער געוואָרן אין די אויגן: אויפן הויף דרייען זיך אַרום געסטאַפּאָוצעס מיט לאַנג־געווער.

איינער פון די אָפיצירן גייט צו, סאַלוטירט־אָפּ דעם קאַפּיטאַן און מעלדעט, אַז די רעוויזיע איז געענדיקט און אַז זיי האָבן דאָרט עפּעס געפונען.

— דעם איינעם מיטנעמען מיט זיך. דעם צווייטן, ווען ער וועט קומען 5 ב. מ., אַרעסטירן און אים ברענגען צו מיר.

— שטעלט אַלעמען אויס אין דער ריי אויפן הויף און כ'קום שוין אַראָפּ.

ס'האָט זיך דערהערט אַן „אַכטונג"־קלאַפּ מיט די שטיוול און דער אָפיציר איז אַוועק. דער לעצטער האָט די גאַנצע צייט מיך דורכ־געפּרעסן מיט זיינע בליקן. ער האָט זיך דעמאָלט זיכער געטראַכט, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס איז דאָ נישט רעווידירט געוואָרן . . . באַלד נאָך אים איז אַוועק דער קאַפּיטאַן, שטעלנדיק קליינע טריט.

ווען ער איז שוין געווען עטלעכע מעטער פון מיר, האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים נאָכגעקוקט, ווי ער גייט אַוועק.

די אַלע קריסטן זיינען געווען בלאַס און צעטראָגן. זייערע אויגן זיינען נאָך איצט געווען פול מיט שרעק. מ'האָט אַלעמען גרינטלעך רעווידירט און דעם גאַנצן אַרום. זיי זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, אַז זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט, צי מ'האָט מיך אויך

רעווידירט, אָדער נישט. זיי האָבן נאָר געזען, אַז לעבן מיר איז גע־שטאַנען דער הויפּט פון דער רעוויזיע.

כ׳האָב באַלד די דאָקומענטן ערגעץ פאַרשטעקט אין דער דרוקעריי און בין בשלום אַנגעקומען אין געטאָ.

אויף צומאָרגנס, ווען כ׳בין שוין דאָס מאָל פּינקטלעך געקומען צו דער אַרבעט, איז אַרויף דער טעכנישער לייטער פון דער דרוקעריי און האָט דערציילט, אַז דער אָפיציר, וואָס איז געווען אין דער אַדמי־ניסטראַציע, האָט געטומלט און געשריען, אַז געגנבעטע אויטענטישע דייטשע דאָקומענטן ווערן באַנוצט. אַזעלכע דאָקומענטן, וועלכע זיי־נען דאָ געדרוקט געוואָרן. אין געביטס־קאָמיסאַריאַט איז אַריינגעפאַלן אַ פאַלשער בלאַנק פון געביטס־קאָמיסאַר. מיט דעם אויסגעקוועטשטן הערב פון האַקנקרייץ. חוץ דעם האָט געגומען דערשיינען אַ נייע פוילישע צייטונג, וואָס איר שריפט דאַרף שטאַמען פון איינער פון די שטאָטישע דרוקערייען . . .

די ערשטע באַשולדיקונג האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט אונדז, ווייל מיר האָבן נאָך אין יענער צייט אַזאַ בלאַנק נישט געלאָזט אין גאַנג. ווי כ׳האָב זיך שפּעטער אָנגעשטויסן, איז דאָס געווען אַ שטיקל אַרבעט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו דעם „ניעפּאָדליעגלאָשטש״־חדר.

צולעצט האָט דער אָפיציר געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נישט גע־פינען די שפּורן פון דער געהיימער דרוקעריי, וועלן זיי אַרעסטירן אַלע טעכנישע לייטערס פון די ווילנער דרוקערייען.

די אַרבעטערס אין דרוקעריי האָבן אים געפּרוּווט באַרואיקן און טרייסטן, אַז דאָס איז נאָר אַ סטראַשונאַק, ווייל זיי וועלן דאָס נישט טאָן. אויב דאָס וועט געשען, האָט איינער געזאָגט, וועלן מיר אויפהערן אַרבעטן (ס׳זיינען געווען אויך אַזעלכע נאַאיווע צווישן די פּאָליאַקן). וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר מיט אַ געהיימער דרו־קעריי?

די אַגענטן האָבן „געפונען״, אַז אויף איינער פון די קלישעס, וואָס ליגט לעבן דעם אָפּטייל פון דער צייטונג „גאָניעץ צאָדזשיענני״, איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ בלייער: דער דייטשישער טעראָר. די פאַראַנטוואָרטלעכע פון אָפּטייל זיינען תיכף אַרעסטירט געוואָרן.

וועגן דעם פאַל איז גלייך געמאָלדן געוואָרן דעם רעדאַקטאָר פון דער פוילישער צייטונג, וועלכער איז געווען באַשטימט דורך די דייטשן. דער לעצטער האָט באַלד אויפגעקלערט, אַז ס׳זיינען בטעות נישט צוגעשריבן געוואָרן די געגנדן־פּיסלעך אונטערן בילד — אָבער שרעק איז געווען גענוג.

# יאַן פשעוואַלסקי

מאָנאַטן לאַנג האָבן מיינע טרעפעניש מיט יאַן פשעוואַלסקין געקלאַפּט, ווי אַ זייגער. נאָר איין טאָג איז ער נישט געקומען. איך גיי אַרויס פון דרוקעריי, קוק זיך אַרום, אָבער ער זעט זיך נישט. אַלע אַרבעטערס אונדזערע האָבן שוין פאַרלאָזן דאָס שמאָלע דאָנבראָווסקי־געסל — און איך דריי זיך נאָך אַרום. כ׳שטיי שוין דאָ באַלד אַ האַלבע שעה נאָך דער אַרבעט, שטיי, ווי אויף גליענדיקע קוילן — און קען זיך נישט דערוואַרטן.

ביים אַרויסגאַנג פון דער דרוקעריי איז פונקט געשטאַנען דער דירעקטאָר. זעענדיק, אַז כ׳גיי אַרויס מיט אַ היפּש פּעקל אונטערן אָרעם, האָט ער, וואַרשיינלעך גאַרנישט מיינענדיק, מיך געפרעגט, וואָס כ׳טראָג אין פּעקל. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז מאַקולאַטור־צייטונגען, וועלכן נוצן מיר אויף אונטערהייצן דעם אויוון. ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ פאַקט. אין דער אמתן איז אין דער מאַקולאַטור געלעגן אַ דרוק־וואַלעק.

בלית ברירה פרוואו איך גיין אין געטאָ. גראָד האָב איך יענעם טאָג געהאַט זייער אַ שווער פּעקל, אין וועלכן ס׳איז געווען צוגעגרייט פאַר פשעוואַלסקין אַ טייל פון אַ האַנט־מאַשינדל. כ׳גיי באַפּאַנצערט מיט אייזן און בליי. דער וועג צום געטאָ איז נישט קיין קליינער און ווי כ׳וועל זיך דערשלעפּן אַהין, ווייס איך נישט. צו מיין שלימזל פּלאַצט מיר דער פּאַסיק פון די הויזן, וואו עס איז פאַרשטעקט אַן אייזערנע ראַם, אויף דער באַלעבטער זאַוואַלנע גאַס — כאַטש קריך אין דער ערד אַריין פון די בליקן פון די פיל פאַרבייגייערס. אַז כ׳האָב דערצויגן ביזן געטאָ מיט גאַנצע ביינער — איז אַן אמתער נס.

סאַניע מאַדייסקער, וועלכע איז געווען די פאַרבינדלערין צווישן מיר און יאַנען, האָט מיר אויף צומאָרגנס דערציילט, אַז דער לעצטער האָט נישט געקענט קומען, ווייל ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען גייט אים נאָך. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרדאַכט האָט געהאַט אַ יסוד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר פאַרגעזעצט ווייטער דאָס טרעפן

זיך און כ׳האָב אים נאָך איבערגעגעבן פאַרשיידענע נייטיקע מאַטע־ריאַלן, כדי די דרוקעריי זאָל קענען אַרבעטן אַ לענגערע צייט.

אַ ביסל צייט שפּעטער האָט מיר דער שטאָב געמאָלדן, אַז כ׳זאָל זיך צוגרייטן צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, ווייל כ׳וועל זיך איבערציען וואוי־נען דאָרט, וואו עס געפינט זיך די דרוקעריי.

כ׳בין אין האַרצן געווען ווייניק באַגייסטערט פון דעם, אָבער כ׳האָב זיך צוגעגרייט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז דעם 24טן סעפּטעמבער 1943 וועט מען מיך אָפּוואַרטן ביים געטאָ און כ׳פאַרלאָז אויף אייביק זיינע מויערן.

דעם 15טן פון זעלביקן חודש האָט די פ. פ. אָ. אָרגאַניזירט אַזוי, אַז מען זאָל מיך אַריבערהויבן אין דעם לאַגער פון ח. ק. פּ. (אַ מילי־טערישע איינהייט פון די דייטשן), וועלכע האָט נאָך געדאַרפט עקסיס־טירן נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ. דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, אַז אויב עס וועט ווערן „הייס״ ביי פשעוואַלסקין, זאָל איך האָבן וואו צו מאַכן אַ מאָמענטאַלע סטאַנציע. ביז דער ליקווידאַציע פון דעם לאַגער האָט עס געהייסן, אַז כ׳וואוין אין אים.

אין אָט דער צייט זיינען שוין געווען די גסיסה־טעג פון ווילנער געטאָ. אַלע זיינען געווען פאַרשפּאַרט און קיינער איז שוין צו קיין אַרבעט נישט אַרויסגעלאָזן געוואָרן. דעם 23טן סעפּטעמבער 1943 איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ און דאָס האָט אַזוי אַרום געקרייצט דעם פּלאַן פון פאַרלאָזן דאָס געטאָ און גיין אין שטאָט אַרבעטן.

פשעוואַלסקי איז אין אַ קורצער צייט אַרום געקומען צו אַ קאָנ־פערענץ מיטן בריגאַדע־שטאָב אין דער רודניצקער פּושטשע און האָט זיך באַלד נאָך דער קאָנפערענץ צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער גייענדיק אין גאַס אַרעסטירט געוואָרן. מ׳האָט זיין פרוי תיכּף וועגן דעם מודיע געווען און זי איז אַנטלאָפן פון דער היים און האָט זיך בשלום דערשלאָגן צו דער רודניצקער פּוש־טשע, וואו זי איז פאַרבליבן ביז צו דער באַפרייאונג. יאַן פשעוואַלסקין האָט מען אין די קעלערן פון ווילנער געסטאַפּאָ פאַרפייניקט.

# די צייטונג וועט נישט דערשיינען

לכבוד ניי־יאָר פון 1943, האָט די פּויליש־דייטשע צייטונג „גאָניעץ צאָדזשיענני״ צוגעגרייט אַ פאַרגרעסערטן נומער. אַלע זייטן, אויסער די ערשטע און לעצטע, זיינען שוין געווען פאַרטיק צום דרוקן. איך האָב אַ קוק געטאָן אין די קאָרעקטור־בויגנס, וואָס הענגען לעבן מעטראָמפּאַזש, כּדי צו ברענגען, ווי תּמיד, די נייסטע ידיעות און אַר־טיקלען פריצייטיק.

ס׳איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, ווען כ׳האָב דערזען, אַז אַזש צוויי פּאָגראָם־אַרטיקלען וועלן אין דעם נומער זיין. פון „שטירמער״ האָט מען דאָרט איבערגעדרוקט אַן אַרטיקל און אַ נייעם האָט מען דערגעבן פון זיך, באַגלייט מיט מיאוסע קאַריקאַטורן פון יידן.

ווען כ׳האָב געהאַלטן אין לייענען די אַרטיקלען, האָט מען גראָד געענדיקט פאַרריכטן אַן ערנסטן דעפעקט אין די עלעקטרישע קאַבעלן אין דער דרוקעריי. די מאַשינעס, וועלכע זיינען אַ גאַנצן פרימאָרגן געשטאַנען צוליבן דאָזיקן דעפעקט, האָבן גענומען אַרבעטן אויף דער פולער פאַרע. ס׳האָט געטרעשטשעט פון אַלע זייטן מיט זייער מאַ־שינען־געזאַנג.

כ׳בין אַוועק צו מיין ווינקל, וואו כ׳בין געשטאַנען און געאַרבעט, און נאָכן דורכטראַכטן די גאַנצע זאַך באַשלאָסן: די צייטונג טאָר צו חגא נישט דערשיינען! די פּאָליאַקן וועלן נישט האָבן דעם פאַרגעניגן פון אָנקוועלן פון דעם קאָמפּאָט, וואָס וועט זיי סערווירט ווערן צו זייער חגא.

וואָלט נישט געווען גראָד היינט דער פאַל, אַז די מאַשינעס זאָלן אַ שטיק צייט נישט אַרבעטן צוליב אַ גאָר ערנסטן עלעקטרישן דעפעקט וואָלט איך זיך שטאַרק געמוזט פאַרטראַכטן, צי כ׳מעג זיך דערלויבן אויף אַזאַ „אַוואַנטורע״, נישט פאַרשטענדיקנדיק זיך פריער מיטן שטאַב פון פּ. פּ. ר., אין די געגעבענע אומשטענדן האָב איך באַשלאָסן, אַז איך קען עס דורכפירן אויף מיין אייגענער אַחריות.

פון „אומר ועושה״ איז אַ גאַנץ גרויסער מהלך.

ווי פירט מען דורך אַזאַ שטיקל אַרבעט ?

לעבן דעם הויף פון דער דרוקעריי איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, וואו די דייטשן האָבן גענומען בויען אַ הילצערנעם קינאָ. דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן פאַר דער באַפעלקערונג, אַז די דייטשן זיינען דאָ געקומען נישט אויף איין טאָג, ווי אַ באַוויז, אַז זיי פאַרנעמען זיך אַפילו צו בויען אַ נייעם קינאָ פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. צענדליקער יידן האָבן ביי דעם געאַרבעט. די אַרבעטער פון דעם קינאָ פלעגן ענדיקן זייער אַרבעט מיט אַ האַלבע שעה פריער פון אונדז. אין יענעם פּלאַץ, וואָס איז איצט געווען אויפגעגראָבן, זיינען געלעגן די עלעקטרישע קאַבעלן, וואָס האָבן באַדינט אויך אַ טייל פון אונדזער דרוקעריי. האָב איך באַשלאָסן זיך צו פאַרגנבענען צו יענער געביידע און אין די אָפענע גריבער מאַכן אַ דעפעקט אין די קאַבעלן.

כ׳בין אַרויס מיט אַלעמען צוגלייך. געזעגנט זיך מיט די אַרבע־טערס און אַוועק — איך אויפן ברוק און זיי אויף דער לאַווע. כ׳בין געגאַנגען מיט דער צענטראַלער מיצקעוויטש גאַס און זיך באַלד פאַר־קערעוועט צו דעם פּלאַץ, וואו מען בויט דעם קינאָ. כ׳האָב זיך אַהין אַריינגעשלייכט, אַז דער וועכטער זאָל מיך נישט באַמערקן און דאָרט געטאָן מיין אַרבעט, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין . . .

דער מעטראָמפּאַזש, וואָס האָט שוין אַלץ פאַרטיק, שטייט מיט אַלע 8 זייטן און וואַרט. דער דירעקטאָר איז שוין דאָ אין דרוקעריי און גייט אַרום נערוועז אין זעצער־האַלע. אַ קלייניקייט? די צייטונג קען נאָך אַמאָל נישט דערשיינען. דאָס שמעקט אַפילו פאַר אים מיט געפאַר. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין אויך דאָ דער טעכנישער לייטער פון דער דרוקעריי און באַלד נאָך אים דער צווייטער טעכנישער לײַ־טער. נאָך לאַנגע זוכענישן איז געלונגען צו געפינען אויך דעם רע־דאַקטאָר.

אַ פאַרסאַפּעטער איז דער רעדאַקטאָר אַרויפגעלאָפן אין דרוקעריי. נאָכן דערוויסן זיך וועגן גאַנצן ענין טעלעפאָנירט ער צו דער עלעק־טרישער סטאַנציע. ער האָט זיי אויפגעקלערט די ערנסטקייט פון דער זאַך און געפאָדערט, אַז עס זאָלן תיכף געשיקט ווערן עטלעכע אַר־בעטער מיט אַן אינזשינער בראש, וועלכע זאָלן קענען דערמעגלעכן צו לאָזן אין גאַנג אונדזערע מאַשינעס אין דער דרוקעריי. ער האָט געוואָרנט, אַז דאָס נישט פּינקטלעכע אויספילן פון זיין ביטע, קען האָבן פאַר זיי שווערע קאָנסעקווענצן.

דערהערט אַזעלכע דיבורים זיינען 4 פאַכמענער מיט אַן אינזשי־נער בראש געווען באַלד אין הויף פון דער דרוקעריי.

קיין אָונט־ברויט האָט שוין קיינער פון זיי נישט געגעסן. נאָכן זוכן דעם דעפעקט 2 שעה האָט דער אינזשינער אָפּגערופן אין דער

סטאַנציע, אַז מען זאָל אים צושיקן ספּעציעלע צוגאָב־מכשירים. נאָכן אָפּזוכן נייע 2 שעה האָט ער קאָנסטאַטירט, אַז דער פעלער איז אין די קאַבעלן פון דער עלעקטראָסטאַנציע פון דאָזיקן ראַיאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין קינאָ־הויף און עס דאַרף נעמען אַ לענגערע צייט ביז מען וועט עס קענען פאַרריכטן.

דער טעכנישער לייטער מיט דער צושטימונג פון מעטראָמפּאַזש זאָגן, אַז די ציַיטונג קען שוין במילא נישט דערשיינען אין אַלע זייטן, ווייל זיי האָבן שוין אַ דעפעציט פון קאַרגע 5 שעה אַרבעט פון דער מאַשין.

ווען דאָס טרעפט אין אַ וואָכעדיקן טאָג, קען מען מאָביליזירן נענוג מענטשן און לאָזן אין גאַנג אַנדערע קלענערע מאַשינעס, אָבער אין די באַדינגונגען, ווען אַלע אַרבעטערס זיצן שוין ביי דער חגא־אכילה אָדער שלאָפן שוין איז עס נישט מעגלעך מער צו מאַכן.

אַלע זיינען אייניק, אַז ס'איז שוין שפּעט . . . דער וועכטער שליסט דעם טויער.

גאַנץ פרי בין איך שוין געשטאַנען ביים טויער פון געטאָ און גע־קוקט דורך די שפּאַלטן, צי ס'לויפן די ציַיטונגס־פאַרקויפערס פאַרביי, ווי אַלע טעג און שרייען : „גאַניעץ צאַדזשיענני".

כ'שטיי שוין אַזוי אַ צוויי שעה און כ'זע נאָך קיינעם נישט. כ'האָב אַרויסגעשיקט מאַלקע חזנען, אונדזערן אַ געטאָ־פּאָליציאַנט, אַז ער זאָל פּרואוון זען אויף אַ צווייטער גאַס, צי מען טראָגט ניט קיין ציַיטונג. ער האָט געטראָפן אַ שייגעץ מיט אַ ליידיקער פּאַקע, אין וועלכער ער פלעגט געוויינלעך האַלטן זיינע ציַיטונגען.

— פאַרקויף מיר אַ ציַיטונג!

— היינט איז די ציַיטונג נישט דערשינען.

די חברים פון שטאַב האָבן מיר געגעבן די געהעריקע אָנערקענונג און געווען שטאַרק צופרידן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס איז נישט געווען קיין דירעקטע אויפגאַבע פון דער פּ. פּ. אָ.

דער גאַנצער פאַל איז דורך בשלום פאַר מיר.

מ'האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז ביים גראָבן אין הויף פון קינאָ זיינען צעריסן געוואָרן די קאַבעלן און אַז דאָס האָט געטאָן ווער נישט איז פון די קריסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין יענעם אָפּשניט.

נאָך חגא האָבן די טויזנטער פּאָליאַקן געלייענט פאַרעלטערטע ידיעות מיט צוויי העץ־אַרטיקלען קעגן יידן. צו דעם האָב איך שוין גאַרנישט געקענט העלפן.

# אין וואַלד אַריין

עטלעכע גרופּעס פון אונדזערע קעמפערס זיינען נאָך פאַר דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ אַוועק אין וואַלד אַריין, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט די דאָרטיקע פאַרטיזאַנער.

דער ערשטער אַרויסגאַנג פון דער געטאָ האָט זיך געענדיקט גאַנץ פאַטאַל פאַר אַ סך פון אונדזערע פּ. פּ. אָ.־קעמפער. אין מיטן וועג זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך אַ פאַרמאַסקירטער גרופּע דייטשע שיסערס און נאָר אַ טייל פון זיי איז געלונגען זיך דורכצורייסן דורכן האַגלדיקן פייער, וואָס איז געעפנט געוואָרן אויף זיי. שפּעטערדיקע גרופּעס ווילנער פאַרטיזאַנער פון געטאָ האָבן געהאַט מער מזל ביים אָפּטרעטן אין וואַלד אַריין.

אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ דאַן, ווען עס איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט ס. ס.־מיליטער, וואָס האָט געדאַרפט דורכפירן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ.

ווען די ערשטע דייטשן זיינען אַריין אין געטאָ גופא, כדי דורכצופירן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע, זיינען מיר אַרונטער אין די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן. דאָס איז געווען אַן אימהדיק בילד. דורך אַ פאַרמאַסקירטער עפענונג אין אַ געטאָ־וואַרשטאַט זיינען מיר איינציקווייז אַרונטער אין קאַנאַל און אין שמוץ האָבן מיר געבראָדזשעט שעהן לאַנג, ביז מיר זיינען דורך כמעט די גאַנצע שטאָט און אָנגעקומען צו דער סוויענטי אַננאַ גאַס, בשכנות פון אַ צענטראַלער פּאָליציי־סטאַנציע. דעם גאַנצן וועג האָט מען געמוזט גיין אין דרייען געבויגן און ערטערווייז האָט מען געמוזט פּויזען אויפן בויך.

די שטאָט אָבער זיינען נישט אַלע דורך בשלום. אַדוו. אַבראַשע כוואָיניק, לעווין, אַסיע ביק, יאַנקל קאַפּלאַן זיינען ביים דורכגיין די שטאָט געכאַפּט געוואָרן. עס איז פאָרגעקומען אַ העפטיקע שיסעריי צווישן זיי און עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט און זיי זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן. מיט אַ טאָג שפּעטער זיינען זיי אַלע פיר עפנטלעך אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף סובאָטש־גאַס און גרויסע טיילן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זיינען געגאַנגען אָנקוקן די תליות.

# מיין אַרבעט אין בריגאַדע־שטאַב

באַכן אָפּזיין עטלעכע טעג מיט מיינע ווילנער אין איין אָפּטייל, בין איך איין טאָג גערופן געוואָרן צום קאָמבריג (פאַרקירצונג פון קאָמאַנדיר בריגאַדע) יורגיס. ער איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער ליטווישער בריגאַדע. די רוסישע אָפּטיילן האָבן געהאַט זייער אייגענעם קאָמבריג. יורגיס האָט מיר געמאָלדן, אַז כ'וועל טראַנספערירט צו אים און וועל דאַרפן אָנפירן מיט דער וואַלד־דרוקעריי, וואָס מוז נאָך פריער געשאַפן ווערן. ער מעלדעט מיר, אַז אויסער פון אים און דעם בריגאַדע־קאָמיסאַר גאַבריס דאַרף איך פון קיינעם נישט נעמען קיינע באַפעלן, ווייל פון היינט בין איך אַן אַרבעטער פון שטאַב. דער ווירטשאַפטס־לייטער ווייזט מיר דעם פּלאַץ, וואו כ'דאַרף שלאָפן אין דעם שטאַב־הייזל און מעלדעט מיר, אַז כ'וועל עסן די ספּעציעלע מעניו, וואָס עס איז צוגעטיילט פאַר די שטאַב־מענטשן. פון די לעצטע צוויי פּריווילעגיעס האָב איך זיך מיט שוועריקייטן קוים באַפרייט און כ'האָב מייניקע אויסגעפירט.

יורגיס איז געווען דער פּסעוודאָנים פון קאָמבריג. פאַקטיש האָט ער געהייסן הענעך זימאַן און איז געווען אַ ייד. אין וואַלד האָט ער זיך אַלס אַזאַ נישט אַרויסגעגעבן און פאָזירט פאַר אַן עכטן ליטווינער. וואַרשיינלעך האָט ער געהאַלטן, אַז אַזוי איז בעסער . . . ביז דער מלחמה איז ער געווען אַ לערער פון דער ליטווישער שפּראַך אין דער שלום־עליכם־גימנאַזיע אין קאָוונע. אין דעם יאָר 1940־1941 איז ער געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער קאָוונער טאָג־צייטונג „טיעסא" (אמת). ער איז אָפּגעטראָטן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי און אין מיטן פון יאָר 1943 איז ער פּאַראַשוטירט געוואָרן פון אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן אין ווייס־רוסלאַנד. אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער 1943 איז ער מיט אַ גרופּע, וועלכע זיינען מיט אים אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי אויך מיט אַ פּאָר געוועזענע פּ. פּ. אָ.־קעמפער געקומען אין די וועלדער פון ליטע.

דאָס אַריבערפירן מיך אין מיין נייעם פּלאַץ האָט פאַר מיר באַדייט אַ גרויסע פאַרבעסערונג אין די לעבנס־באַדינגונגען. מיר זיינען נאָך געווען „גרינע" אין וואַלד. הונגער און קעלט זיינען געווען אויפן סדר היום. מאַנגל אין געווער און פרעמדקייט פון וואַלד־לעבן האָבן די ער־

שטע טעג באַגלייט די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געקומען פון יענער זייט וועלט. אין סטאַנציאַנירנדיקן אטריאַד ביי דער בריגאַדע זיינען געווען פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געלעבט שוין אַ לענגערע צייט אין וואַלד. דאָ איז געווען געווער גענוג פאַר אַלעמען און איבערגענוג צום עסן. כ'האָב טאַקע באַלד געהאָלפן לינדערן דעם הונגער פון מיינע ווילנער, ברענגענדיק זיי קליינע קוואַנטומס עסן. איבעריק צו זאָגן, אַז כ'האָב עס נישט געטאָרט טאָן, ווייל יעדע באַזע איז געווען אין דעם זין אַ מלוכה פאַר זיך. מיט דער צייט זיינען די יידישע אָפּטיילן געוואָרן מייסטערס פון פאַרשאַפן זיך עסן און נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען זיי מקנא געווען. אָבער נישט נאָר ביי די אַקציעס פון פאַרשאַפן זיך עסן האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט און מוט, נאָר אויך ביי אַלע דיווערסיע־אויפגאַבעס האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט.

אין וואַלד האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער זיך שטאַרק געקוויקט מיט די אַמעריקאַנער קאָנדענסירטע מילך־פּולווער, וואָס סאָוועטישע פליערס פלעגן אַראָפּוואַרפן דווקא פון אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען אויף אונדזער באַזע, ווייל אין די קעסטלעך פלעגן זיין באַניץ־אינסטרוקציעס אויך אין דער העברעאישער שפּראַך. נאָך אַ קאַפּיטל געטאָ און וואַלד איז עס געווען אַ נחמהדיקער גרוס פון אונדזערע צעווייטיקטע נשמות פון אונדזער ליבן פאָלק, וואָס לעבט נאָך ערגעץ־וואו אויף דער פריי.

אַ ביסל צייט שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געווען פאַרפעסטיקט אין וואַלד, איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן אַ טייל פון דער דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט. דאַן האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנצייטונג „זאַ וואַלנאַשטש" (פאַר פרייהייט) אין פויליש און „קאָווע" (קאַמף) אין ליטוויש, ווי אויך פיל פּראָקלאַמאַציעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן, איינגעשלאָסן דייטש.

כ'האָב דאַן פאָרגעשלאָגן דעם הויפּט־שטאַב, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַראַשוטיסטן, וועלכע זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך סאָוועטישע עראָפּלאַנען פון יענער זייט פראָנט, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן לכבוד דער אינוואַזיע פון די אַליאירטע אַרמייען אין פראַנקרייך אַן אויפרוף אין דער דייטשער שפּראַך.

דער שטאַב האָט מסכים געווען און מיך באַפוילן די זאַך צו רעאַליזירן. צו דעם צוועק האָב איך גערופן אין הויפּט־שטאַב וואו עס איז געווען מיין באַזע און וואו עס האָט זיך געפונען די וואַלד־דרוקעריי, די פּאַרטיזאַנער דר. לעאָ בערנשטיין און פּאַל באַגריאַנסקי, וועלכע האָבן געקענט פּערפעקט דייטש, אַז מיר זאָלן געמיינזאַם אָנשרייבן דעם טעקסט. (זיי האָבן זיך געפונען נישט אין דער זעלבער

אָפּטיילונג וואָס איך בין געווען, נאָר אין אַן אַנדערער, וועלכער איז געווען עטלעכע קילאָמעטער ווייטער פון מיר). דער אויפרוף איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן בעסער ווי גוט. אין דעם אויפרוף איז געווען דער א״ג „פּראָפּוסק״ (דורכגאַנגס־דערלויבעניש), וואָס גיט אַ גאַראַנטיע, אַז דער באַטרעפנדיקער דעזערטיר וועט אויפגענומען ווערן מיט אָפענע אָרעמס מצד די פּאַרטיזאַנער. די רעזולטאַטן זיינען געווען בערך גוטע און די אַ״ג „וולאַסאָווצעס״ (געוועזענע סאָוועטישע זעלנער) אין דייטשע אוניפאָרמס האָבן טאַקע דעזערטירט און געקומען צו די פּאַרטיזאַנער. אַפילו נאָך דעם ווי מאַסן דייטשע סאָלדאַטן זיינען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביים צוריק פאַרנעמען די שטאָט ווילנע, האָבן פיל פון זיי געהאַט די דאָזיקע אויפרופן און זיי האָבן זיך מיט דעם פאַרטיידיקט, אַז דאָס עצם האַלטן ביי זיך אַזעלכע אויפרופן איז געווען פאַרבונדן מיטן איינשטעלן דעם קאָפּ. דאָס איז אַגב געווען ריכטיק. זיי האָבן זיך ווייטער פאַרענטפערט, אַז זיי האָבן פשוט נישט געהאַט געפונען דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער. אויך דאָס האָט געקענט זיין טיילוויז ריכטיק.

אין אַ צייט אַרום, נאָך דעם ווי דער פראָנט האָט זיך שוין גענומען דערנענטערן צו דער ליטווישער טעריטאָריע, האָט מען אויך אַראָפּגעוואָרפן פון אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן אַ דרוקל פאַר אונדזער בריגאַדע. די מאַשין איז געווען אַ מיניאַטור פון אַ פלאַך־פּרעס. ס׳האָט פיין אויסגעזען, אָבער ניצן עס האָב איך נישט געקענט, ווייל ס׳איז געווען זייער טאַנדעט קאָנסטרואירט. כ׳האָב זיך דעריבער באַניצט נאָר מיט דער געבראַכטער דרוקעריי פון שטאָט.

צוערשט איז געווען דער רעדאַקטאָר פון די וואַלד־אויסגאַבעס יורגיס. שפּעטער האָט ער עס איבערגעגעבן דעם קאָמיסאַר מארגיס (זיין אמתער נאָמען איז געווען מאַרקעוויטש), וועלכער איז אַגב געווען דער ערשטער פּאַראַשוטיסט, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן הינטער ווילנע נאָך אין סוף 1942 יאָר. ער איז אויך איין מאָל געקומען מיט פּשעוואַלסקין צו מיר אין שטאָט ביים דרוק, נאָר כ׳האָב דאַן נישט געוואוסט, ווער ער איז. כ׳האָב אים אָבער אין וואַלד באַלד דערקענט און ער האָט מיר באַשטעטיקט, אַז ער איז עס דאַן געווען מיט פּשעוואַלסקין. ער האָט מיט מיר געאַרבעט ביז צו דער באַפרייאונג צוזאַמען, אַרויסווייזנדיק צו מיר פיל פריינדלעכקייט.

איינס איז געווען קלאָר, אַז אונדזער אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט. דאָס איז געווען צו זען פון דער רעאַקציע פון די דייטשן אויף אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס. אין דער גאַנצער געגנט פון רודניצקער

פושטשע האָבן די דייטשן דאַן אַרויסגעהאַנגען וואָרנונגען אַז מען זאָל זיך נישט צוהערן צו די מעלדונגען פון די באַנדיטן (אַזוי האָבן זיי גערופן די פּאַרטיזאַנער), ווייל אויסער דעם, וואָס אַלץ איז ליגן, איז דער קאָמיסאַר אַ ייד און דער אָנפירער פון דער דרוקעריי איז אַ ייד און זיי זיינען גרייט צו געבן אַ באַלוינונג פון 100 טויזנט מאַרק פאַר איינעם פון זייערע קעפּ. די דייטשן האָבן געגוי געוואוסט, וואָס ביי אונדז טוט זיך, ווייל זיי פלעגן אָפט אַריינשיקן זייערע שפּיאָנען, ווי כלומרשטע פּאַרטיזאַנער, און ביי אַ געלעגנהייט פלעגן זיי אַנטלויפן פון די פּאַרטיזאַנער צו זייערע באַלעבאַטים, די דייטשן. נישט איינער פון זיי איז צו דער צייט געכאַפּט געוואָרן און באַצאָלט מיט זיין קאָפּ. פון דאַן אָן בין איך אָבער געווען אונטער אַ ספּעציעלער פּאַרטיזאַנישער שמירה, (דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר יורגיס איז שטענדיק געווען באַוואַכט). די אַרבעט איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ מינוט. קילאָמעטער לאַנג פלעגן זיין פאַרזייט די שאָסייען מיט אונדזערע אויפרופן. צום בעסטן האָט זיך ביי דער אָפּעראַציע אויסגעצייכנט דער קאָמאַנדיר יצחק שוואַרץ, וועלכער האָט זיך געפונען אין איינעם פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען.

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Brot 25 Woche | Brot 26 Woche | Brot 27 Woche | Brot 28 Woche | Der Ghettovorsteher und Chef der Judenpolizei | Fleisch 28 Woche | Fleisch 27 Woche | Fleisch 26 Woche | Fleisch 25 Woche |
| Mehl 25 Woche | Mehl 26 Woche | Mehl 27 Woche | Mehl 28 Woche | **BROTKARTE** 1 Pers. | Butter 28 Woche | Butter 27 Woche | Butter 26 Woche | Butter 25 Woche |
| Zucker 25 Woche | Zucker 26 Woche | Zucker 27 Woche | Zucker 28 Woche | für die Zeit vom 2.7.1943 bis 30.7 | X 28 Woche | X 27 Woche | X 26 Woche | X 25 Woche |
| Salz 25 Woche | Salz 26 Woche | Salz 27 Woche | Salz 28 Woche | (Zuname und Vorname) | Y 28 Woche | Y 27 Woche | Y 26 Woche | Y 25 Woche |
| Graupen 25 Woche | Graupen 26 Woche | Graupen 27 Woche | Graupen 28 Woche | (Adresse) | Gemüse 28 Woche | Gemüse 27 Woche | Gemüse 26 Woche | Gemüse 25 Woche |
| Kartoffel 25 Woche | Kartoffel 26 Woche | Kartoffel 27 Woche | Kartoffel 28 Woche | (Unterschrift des Kartenausgebers) | R 28 Woche | T 27 Woche | U 26 Woche | W 25 Woche |

Druck, „Auschra" Wilna, 1741-5355

אַ שלעכט־געדרוקטע, אָבער אָריגינעלע פאַלשע ברויט־קאַרטע (פון אַרכיוו ייוואָ)
די דרוקעריי „אַאושרא" האָט יעדן מאָנאַט געדרוקט אַ צאָל ברויט־קאַרטן לויט
אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג פון דייטשן געביטס־קאָמיסאַר.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט זיך שפּעטער אָפּגערעכנט מיטן דייטשןווירטשאַפט־אַמט, לויט דער צאָל קעפּ, וואָס מען האָט זיי צוגעשטעלט. איבעריק צו באַמערקן, אַז די געטאָ־מוסדות, ווער רעדט נאָך די דייטשן, האָבן נישט געוואוסט, אַז מיר נעמען פון די לעצטע אַ „שטייער" אויף איינצוקויפן זיך געווער מיט וועלכער מיר האָבן זיי שפּעטער געשלאָגן . . .

# כ׳ווער פאַרוואונדעט

אין וואַלד האָט זיך איין טאָג אַראָפּגעלאָזן אַ ליטווינער מיטן נאָמען יאָזאַס, אַן ערך 28 יאָר אַלט.

יאָזאַס איז אין דעם יאָר 1940־1941 געווען אַ מיליציאָנער אין דערבייאיקן שטעטל פון זיין דאָרף. נאָך 2½ יאָר וואוינען אומגעשטערט ביים דייטש, האָט ער באַשלאָסן צו גיין קעמפן קעגן אָקופּאַנט. ער האָט געוואוסט, אַז נישט ווייט פון זיין דאָרף זיינען דאָ פּאַרטיזאַנער, האָט ער איבערגעלאָזן עלטערן, צוויי ברידער, אַ שוועסטער און איז אַוועק צו זיי. ער איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער האָט מיטגעבראַכט אייגן געווער און דער עיקר: ער איז געווען אַן עכטער ליטווינער און אויף אַזאַ איינעם האָט דער שטאַב אויסגעקוקט די אויגן. אויף מיר האָט ער געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק און כ׳פּלעג מיט אים אָפּט שמועסן.

די איבעריקע צוויי ברידער האָבן אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. אין זייער דאָרף, וואו ס׳זיינען געבליבן די משפּחה־מיטגלידער, איז פאָרגעקומען אַ הוליאַנקע. ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, האָט זיך אַריינגעמישט דער אָרטיקער ליטוויש־דייטשער פּאָליציאַנט, זיינען די צוויי ייִנגערע ברידער פון יאָזאַסן באַפאַלן דעם פּאָליציאַנט און מיט אַ דראָנג אים פאַרהרגעט אויף טויט . . .

אַנטלויפן די צוויי ברידער –– ווינצאַס און אַנטאַנאַס — צום עלטערן ברודער יאָזאַס, ווייל אין דאָרף זיינען זיי שוין אויסגעשפּילט. זיי ווערן פּאַרטיזאַנער. נאָך צוויי עכטע ליטווינער. לערנען זיי שיסן האָט מען נישט געדאַרפט. זיי האָבן שוין געקענט. וויפל ייִדן זיי האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן ביזן קומען אין וואַלד, ווייס איך נישט, אָבער, אַז זייערע הענט זיינען נישט געווען ריין פון ייִדיש בלוט, אין דעם בין איך זיכער. קיינער פאָרשט אָבער נישט און קיינעם אינטערעסירט עס נישט.

די ברידער האָבן זיך גיך צוגעוואוינט צום וואַלד־לעבן און אָנ־טייל־גענומען אין פאַרשיידענע רעגולערע פּאַרטיזאַנישע אויפגאַבעס. איך האָב נאָך מיט זיי בײדן קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען שוין אַ פּיינע פּאָר וואָכן אויף דער זעלביקער

באַזע, וואו איך געפין זיך. פּשוט: זיי האָבן אויסגעמיטן מיט מיר צו ריידן. בעת דער עלטערער יאַזאַס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק און איך פּלעג מיט אים אָפט שמועסן, האָב איך די אַנדערע צוויי חברהלייט, ווינצאַס און אַנטאַנאַס, אינסטינקטיוו נישט געקענט פאַרטראָגן, באַזונדערס ווינצאַסן, וואָס פון זיין פּנים האָט אַרויסגעשפּאַרט די יוכע.

נאָך זייער אַנטלויפן אין וואַלד איז געקומען געסטאַפּאָ אין דאָרף אַריין צו אַרעסטירן די צוויי ברידער. טרעפן זיי זיי נישט. גייען זיי אַוועק און קומען אין מיטן נאַכט. זיינען זיי אויך נישטאָ. זאָגט זיי אונטער אַ שכן, אַז זיי זיינען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. טראַכט גע־סטאַפּאָ נישט לאַנג און צינדט אונטער דאָס הויז מיט דער גאַנצער פאַ־מיליע אינאיינעם. דערוויסן זיך די ברידער, וועלכער פּויער האָט עס געמסרט. קריגן זיי אַ דערלויבעניש פון שטאַב צו גיין נעמען נקמה. ס'ווערן זיי צוגעטיילט נאָך אַ פּאָר פּאַרטיזאַנער און זיי גייען אַוועק אין דאָרף און פאַרברענען די גאַנצע פאַמיליע פון דעם מסור מיט זיין גאַנצן לעבעדיקן אינווענטאַר. דער חשבון איז אויסגעגלייכט . . .

זייענדיק איין מאָל אין שטאַב, וואו ס'האָט זיך געפונען די וואַלד־דרוקעריי, איז אַריינגעלאָפן אַ צעקאָכטער אַ פּאַרטיזאַן. ער איז געווען אַן אַראָפּגעוואָרפענער פּאַראַשוטיסט, איינער פון די העכסטע אין וואוקס, געזונט און אויך אַ וואוילער מענטש, אַ ליטווינער, וואָס האָט אַלע יאָרן געלעבט אין לעטלאַנד. ער האָט געמאָלדן, אַז ווינצאַס ליגט אויף זיין נאַרע און זינגט די „האָרסט־וועסל־ליד" (אַ נאַצישע פּראָגראַם־ליד) אין דער ליטווישער איבערזעצונג און דער יינגערער ברודער העלפט אים פליסיק צו. די איבעריקע לאַכן הויך אָדער שמייכלען זיך צו. ער האָט אָפּגעזאָגט דעם פּסוק און קיינער האָט אין שטאַב גאָרנישט געזאָגט און נישט רעאַגירט. געווען זיינען כמעט אַלע קאָמאַנ־דירן און קאָמיסאַרן מיט יורגיסן בראש. זיי האָבן נאָר איינער צום אַנ־דערן שפּעטער זיך צוגעשמייכלט און איגנאָרירט דעם גאַנצן פאַל.

אין אַלגעמיין איז צו מיר געווען זייער אַ גוטע באַציאונג. כ'האָב זיך דאָך עפּעס אַרומגעדרייט אַרום שטאַב. געהאַט אַ רעכט אַריינ־צוגיין ווען כ'וויל, ווייל דאָרט איז געווען מיין אַרבעטס־פּלאַץ. די קאָמיסאַרן און קאָמאַנדירן האָבן געהאַט אויף מיר אַ גוט אויג. עפּעס אַ קלייניקייט... זיי האָבן דאָך געשיקט נישט איין באַריכט קיין מאָסקווע נאָך דאָן, ווען מיר זיינען געזעסן אין געטאָ, וועגן דעם אויפטו פון דער געהיימער דרוקעריי. (זייענדיק אין געטאָ, איז שוין די פּ. פּ. אָ. געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג) נאָר דער זינגער פון נאַצי־לידל האָט מיך נישט אָנערקענט. ער האָט געהאַלטן:

איך בין אַ ייד און איך דאַרף גיין דאָרט, וואוהין אַלע יידן זיינען גע־גאַנגען אין יענע טעג . . . און ער האָט געוואָלט גאָר גיך די דאָזיקע „מצווה" מקיים זיין, ווען איך און אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער זיינען געזעסן אין דרויסן ביי אַ פייער און זיך געוואָרעמט. איך, איין ייד צווישן זיי. מיטאַמאָל אַ שאָס. אַ שטיקל בהלה. מען טראָגט מיך. ס'רינט פון מיר בלוט. די קויל האָט מיר געטראָפן אין הינטער־חלק. כ'בין ביים באַוואוסטזיין און זע, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מיין צושטאַנד איז נישט געפערלעך. ס'קומט צולויפן די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ. יורגיסן האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אַזוי בלאַס . . . אונדזער דאָקטאָר וואָסיאַ פּאָרעט זיך אַרום מיר. איך בעט, אַז מען זאָל תיכף רופן דעם דאָקטאָר סאָלעק גאָרפינקל, וועלכער געפינט זיך אין אַ יידישן אָפּטייל, עט־לעכע קילאָמעטער פון אונדזער באַזע. ער איז באַלד דאָ. מאַכט אַלץ, וואָס איז נייטיק און זאָגט מיר בסוד, אַז אויב איך וועל נישט קריגן קיין „דאַלעווקע" (ד. ה. נאָך אַ קויל), וועל איך בלייבן לעבן . . .

ווען מ'האָט מיך געטראָגן האָב איך געזען, ווי ווינצאַס שטייט ביי אונדזער עס־טיש מיט דער ביקס אין האַנט און מיט אַ מינע, ווי נישט אים מיינט מען עס. דער נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. רופט אים אַריין און פרעגט אים אויס וועגן דעם פאַל. ער זאָגט, אַז ער האָט גע־רייניקט די ביקס און ס'האָט פון זיך אַליין אויסגעשאָסן . . . פאַר אַלעמען איז אַלץ קלאָר. ער איז אָבער אָן עכטער ליטווינער מיט צוויי ברידער ביי דער זייט — טוט מען אים גאָרנישט און מיט דעם איז די זאַך גע־ענדיקט. ווען כ'בין שוין געווען „אַלרייט" האָט מיר יורגיס דערקלערט, אַז היות כ'האָב שוין געהאַט אַ קויל און זי האָט מיך נישט אַוועקגעהרגעט האָב איך איצט שאַנסן צו לעבן אייביק. אויך איך האָב דאַן אַזוי גע־האַלטן . . .

קורץ נאָך דעם פאַל ברענגט אונדזער אויסשפּיר אַ באַריכט, אַז די דייטשן האָבן געבראַכט פאַרשטאַרקונגען און אַרויסגעזעצט אין פאַרשיידענע פּונקטן אַרום וואַלד מיליטער. מען שאַצט אָפּ די לאַגע פאַר ערנסט און מען באַשליסט אָפּצוטרעטן פון די באַזעס. מיר גייען אַוועק עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווייטער, וואו ס'געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער אָפּטיילן פון קאָמאַנדיר גענים.

ס'גייען פאַרביי 48 שעה און מען הערט נישט און מען זעט נישט, אַז מ'זאָל באָמבאַרדירן דעם וואַלד. מען באַשליסט, אַז אַן אויסשפּיר פון 5 פּערזאָן זאָל גיין צו אונדזער פריערדיקער באַזע און זען, וואו מיר האַלטן מיט די דייטשן. מען באַשטימט יאַזאַסן אַלס קאָמאַנדיר, זיי־נע צוויי ברידער, מיך און נאָך איינעם אַ ליטווינער. אַ פיינע געזעלשאַפט צו אַזאַ אויפגאַבע . . . נאָר איך האָב געטראַכט: נישקשה, אויב עס

װעט זיך שאַפֿן אַזאַ לאַגע, װי ס׳איז געװען צו דערװאַרטן, װעל איך אױך װיסן, װאָס כ׳האָב צו טאָן . . .

מיר זײַנען געקומען מיט אַ באַריכט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אַלע האָבן זיך גלײַך אומגעקערט צוריק אױף דעם פֿריערדיקן אָרט. דאָס איז נאָך געװען אַ מאַנעװרע פֿון די דײַטשן אונדז אָנצושרעקן. שפּעטער, דװקא װען מ׳האָט זיך נישט געריכט, האָבן מיר געהאַט אַזאַ חתונה. מ׳האָט אונדז באָמבאַרדירט, אָבער מיליטער איז ניט אַרײַן אין װאַלד „אים דורכקעמען", װי זײ פֿלעגן עס פּראַקטיצירן בײַ אַזעלכע אַקציעס.

ביזן אַרױסגײן פֿון װאַלד האָט װינצאַס נישט אױסגערעדט מיט מיר אַ װאָרט און האָט זיך קײנמאָל ניט אַנטשולדיקט פֿאַרן שיסן „נישט װילנדיק" אױף מיר. יאָ, נישט װילנדיק איז געװען די קױל, װאָס האָט נישט געטראָפֿן אַזױ, װי ער האָט געװאָלט . . .



# ערב דער באַפרייאונג

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דער ליטווישער טעריטאָריע, איז כמעט דער גאַנצער בריגאַדע־שטאַב מיט יורגיסן בראש אַוועק אויף אַן אויפגאַבע אין טיף־ליטע. אויפן וועג זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך מיליטער, וואָס האָט געאײַלט צום פראָנט און זיי האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן אין טויטע און פאַרוואונדעטע, אָבער די גרעסטע טייל האָבן דערגרייכט זייער ציל. כ׳בין געבליבן אין שטאָב מיט נאָך אַ פּאָר אומבאַדייטנדיקע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן וויניק פאַרשטאַנען דעם ווערט פון קעמפן דורך געדרוקטן וואָרט.

אין דער אָפּוועזנהייט פון יורגיסן בין איך אויף דעם געביט געווען „סאם נאַטשאַלניק". דעמאָלט האָב איך עס אַרויסגעגעבן דעם — שוין פריער דערמאָנטן — וויכטיקן אויפרוף אין דער דייטשער שפּראַך, וואו כ׳האָב אָנגעגעבן מיט אַלע אײנצלהייטן וועגן דעם נאַר־וואָס געעפנטן 2טן פראָנט אין פראַנקרייך, אונטער דער הויפּט־קאָמאַנדע פון גענ. אייזנהאַוער. פּאַליטרוקעס האָבן צום סוף געהייסן צושרייבן, אַז דאָס איז אַלץ אַדאַנק דער „מודראַיאַ פּאַליטיקאַ" (קלוגע פּאָליטיק) פון סטאַלינען.

ווען כ׳האָב זיך נאָך דער באַפרייאונג פון דער שטאָט ווילנע געטראָפן דעם ערשטן מאָל מיט יורגיסן, וועלכער האָט שוין ווידער געהייסן ביי זיין ריכטיקן נאָמען, האָט דער לעצטער מיך געלויבט פאַר מיין טעטיקייט נאָך זייער אַוועקגיין פון דער באַזע, אָבער ער האָט אויסגעדריקט שטאַרקע נישט צופרידנקייט מיט מיין לעצטן אויפרוף אין דייטש, ווייל כ׳האָב דאָרט געמאַכט אַ צו גרויסן „צימעס" פון צווייטן פראָנט.

דעם לעצטן אויפרוף האָב איך אַרויסגעגעבן מיט אינסטרוקציעס צו די איינוואוינער פון מיין געבוירנשטאָט ווילנע, אַז זיי זאָלן העלפן דער אָנגרייפנדיקער סאָוועטישער אַרמיי און איר געבן יעדע מעגלעכע הילף ביים אָנווייזן, וואו עס באַהאַלטן זיך אויס רעשטלעך פון דייטשן מיליטער; אַז מען זאָל נישט איבעררייסן די אַרבעט און מען זאָל אָפּהיטן די אונטערנעמונגען פון אונטערצינדונגען א. אַ. וו.

# מיט מאַרשאַל טשערניכאָווסקי

דער גענעראַל־שטאַב פון 3טן ווייסרוסישן פראָנט האָט פאַרלייגט זיין פּראָוויזאָרישע באַזע אין וואַלד ביי דער שטעטל וואָראָנאָווע, וואָס האָט זיך געפונען 60 קילאָמעטער פון ווילנע. איין טאָג איז צו מיר געקומען אין ליטווישן פּאָליגראַפישן טרעסט, וואו כ׳בין נאָך דער באַפרייאונג פון ווילנע באַשטימט געוואָרן, ווי דער טעכנישער לייטער פון טרעסט און האָב אַזוי אַרום געהאַט צו זאָגן איבער אַלע דרוקערייען פון גאַנץ ליטע, אַ סאָוועטישער פּאָלקאָווניק. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין די לעצטע טעג איז זייער מיליטערישע פעלד־דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אויף לאַסט־אויטאָס שטאַרק צעבאָמבאַרדירט געוואָרן און אַז זיי נייטיקן זיך דרינגלעך אין דרוק־מאַשינען. ער איז, דערציילט ער, דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער פראָנט־צייטונג און ער האָט באַקומען אַ באַפעל אַזעלכע מאַשינעס זיך איינצושאַפן, אין דער באַפרייטער ווילנע.

אויסגעהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָב איך אים געפרעגט, צי ער איז גרייט גלייך די מאַשינעס צו נעמען מיט זיך. ער האָט געענטפערט, אַז אונטן ביים אַריינגאַנג וואַרטן אַ גרופּע זעלנערס און אַן אָפיציר. כ׳האָב זיך באַלד אַריינגעזעצט אין איינעם פון זייערע אויטאָס און כ׳בין צוגעפאָרן צו דער גרעסטער דרוקעריי „ספינדולים״ און אָנגעוויזן די סאָלדאַטן, וועלכע מאַשינעס זיי קענען דעמאָנטירן.

נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, וויל איך זיך געזעגענען מיטן רעדאַקטאָר, אָבער יענער זאָגט, אַז ער וויל מיך האָבן ביים צונויפשטעלן די מאַשינעס, און ער וויל מיך אויך דער עיקר פאָרשטעלן פאַרן מאַרשאַל טשערניכאָווסקי, ווייל ער האָט געהערט פון מיין טעטיקייט אין צייט פון קריג. כ׳האָב זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, אָבער כ׳האָב באַלד מסכים געווען.

מיין שמועס מיטן מאַרשאַל טשערניכאָווסקי, איינער פון די גרעסטע סאָוועטישע קריגס־העלדן, האָט גענומען 15 מינוט. דער מאַרשאַל האָט גערעדט זייער צוגעלאָזן, אַריינוואַרפנדיק פיל יידישע ווערטלעך. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס איז פאַרלאָפן אין צייט פון

דער נאַצישער אָקופּאַציע. איך האָב געפילט, אַז עס קלאַפּט ביי אים אַ פיין־פילנדיק האַרץ. ער איז געווען ערנסט און פאַרזאָרגט און מיר באַמערקט, אַז אויב מיר וועלן זיך אין וואָס נייטיקן, זאָלן מיר זיך צו אים ווענדן און מען האָט זיך צו אים טאַקע געווענדט און ער האָט פיל געהאָלפן, ווי, למשל, ביים איינשאַפן אינוועטאַר פאַר אַ יידישער קינ־דערהיים. ער האָט עס איבערגעשיקט דורך דעם יידישן פּסיכיאַטער־פּראָפעסאָר, דעם פאָלקאָווניק רעביעלסקי, וועלכער האָט געהאַט זיין לאַזאַרעט סטאַנציאָנירן אין ווילנע. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנ־געקומען די ידיעה, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן. אין ווילנע זיינען באַלד אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער איז אומגעקומען פון אַן אייגענער קויל. ווי ווייט דאָס איז אמת, קען מען נאַטירלעך נישט גאַראַנטירן. אויב אָבער איך זאָל נעמען אין אַכט, ווי איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַן אייגענער קויל, זייענדיק אויף דער באַזע (ס׳הייסט אין דער היים), קען מען זיך משער זיין, אַז דער קלאַנג וועגן טשערניכאָווסקין איז נישט געווען אָן אַ גרונט . . .

אויף צו מאָרגנס בין איך גערופן געוואָרן אין פּרעזידיום פון דער ליטווישער רעגירונג, וואו מען האָט מיך אויסגערעדט פאַר מיין נעכטיקן אַרויסגעבן די מאַשינעס. דאָס איז געקומען אויפן סמך פון דער אָנקלאַגע פון דער ליטווישער אַדמיניסטראַציע פון דער דרו־קעריי, אַז כ׳האָב עס געמאַכט אויף אייגענער האַנט. נישט פאַרשטענ־דיקנדיק זיך מיט מיינע מיטאַרבעטער אין טרעסט. אויף מיין טענה, אַז די פראַנט־צייטונג טאָר נישט ליידן אין קיין מאַנגל פון דרוק־מאַשינעס, האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס מיליטער דאַרפן עס נעמען פון זייערע מיליטערישע באַזעס. אויף מיין ענטפער, אַז זייערע באַזעס געפינען זיך הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון דאַנען און אַז דאָס איז געווען די בקשה פון מאַרשאַל טשערניכאָווסקי, האָב איך געקראָגן דעם ענטפער, אַז די ליטווישע ווירטשאַפט דאַרף פון דעם נישט ליידן . . .

אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אין אַלע פאַבריקן אַ צירקולאַר, אַז מ׳זאָל פאַר מיליטער גאָרנישט אַרויסגעבן, ווייל זיי האָבן אייגענע פאַרזאָרגונגס־צענטערן. כ׳האָב זיך דאַן געטראַכט: זאָל מען זיך נאָר ווענדן צו מיר נאָכאַמאָל מיט אַזאַ ענלעכער ביטע, וועל איך זיי אָוועקפירן אין דער געוועזענער וועלט־באַקאַנטער דרוקעריי פון „אלמנה והאחים ראם״, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די מאַשינעס אויך פון מיין פאַטערס דרוקעריי און וועלכע איז צונויפגעגאָסן געוואָרן פאַר דעם סאָוועטישן מאַכט־פּעריאָד אין ווילנע אין איין דרוקעריי און וועל

עס מיט פאַרגעניגן אָוועקגעבן פאַרן פראָנט און נישט פאַרזאָרגן די ליטווישעווירטשאַפט...

*
**

כ'גיי אויף די גאַסן פון דער באַפרייטער ווילנע און זע נאָך דאָ און דאָרט די גרויסע מעלדונגען פון 3טן ווייסרוסישן פראָנט, וואו עס איז אונטערגעשריבן דער מאַרשאַל טשערניכאָווסקי, און מיין אויפרוף, וואָס כ'האָב אַרויסגעגעבן אין די שעהן ווען מען האָט געשטורעמט די שטאָט ווילנע. הונדערטער יידישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך באַטייליקט אין באַפרייען די ליטווישע הויפּט־שטאָט. מיר האָבן באַפרייט ווילנע, אָבער נישט מער אונדזער ווילנע, ירושלים דליטא.

# זאָג ניט קיינמאָל

טעקסט הירש גליק — מוזיק לויטן רוסישן מאָטיוו



# זאָג ניט קיינמאָל*)

(הימן פון פּ. פּ. אָ.)

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלאָע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביזן ווייטן לאַנד פון שניי
מיר קומען אָן — מיט אונזער פּיין, מיט אונדזער וויי;
און וואו געפאַלן איז אַ שפּראָץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן-זון פאַרגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט;
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס'האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

---

*) דאָס ליד האָט אָנגעשריבן דער פּ. פּ. אָ.־מיטגליד הירש גליק. דער מחבר איז אומגעקומען. ער האָט אָבער דערגרייכט, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט, אַז „ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור".

היינט צו טאָג ווערט דאָס ליד געזונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן.

דעם מחבר פון דעם דאָזיקן ליד האָב איך גוט געקענט און פלעג זיך מיט אים אָפט טרעפן אין געטאָ. כ'האָב אָבער דאַן נאָך נישט געוואוסט, אַז זיין „זאָג ניט קיינמאָל", וועט ווערן אַ ליד, וואָס וועט באמת קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

# וויכטיקע דאַטעס

ביז סעפּטעמבער 1939 האָבן אין ווילנע געלעבט 60 טויזנט יידן. מיטן צוקומען פון קריגס־קרבנות איז די ווילנער יידישע באַפעלקערונג געשטיגן ביז 70 טויזנט. נאָכן אָקופּירן אַ קורצע צייט ווילנע דורך דער סאָוועטישער אַרמיי איז די שטאָט דעם 10טן אָקטאָבער 1939 איבערגעגעבן געוואָרן צו דער זעלבסטשטענדי־קער סמעטאָנאַ־ליטע און איז געווען אונטער איר מאַכט ביזן 3טן אויגוסט 1940. פון 3טן אויגוסט 1940 האָט ווילנע געהערט צו דער סאָוועטישער ליטע, ביזן אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי דעם 24טן יוני 1941.

דעם 4טן יולי 1941 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער יידן־ראַט. דעם 11טן יולי 1941 איז פאָרגעקומען די ערשטע מאַסן־אויסשיסונג פון יידן אויף פּאָנאַר. דעם 15טן יולי 1941 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל צו טראָגן די געלע לאַטעס. דעם 3טן אויגוסט 1941 איז פאַרווערט געוואָרן יידן צו גיין אויף די טראָ־טואַרן. דעם 6טן אויגוסט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ 5 מיליאָן־רובלדיקע קאָנ־טריבוציע. (ס'האָט זיך געגלייכט צו 500 טויזנט דייטשע מאַרק). דעם 31טן אויגוסט 1941 איז פאָרגעקומען די א. ג. „גרויסע פּראָוואָקאַציע" (ס'זיינען אומ־געקומען אַן ערך 8000 יידן). דעם 6טן סעפּטעמבער 1941 זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן די יידן אין געטאָ נומ. 1 (אַן ערך 30.000 יידן) און אין געטאָ נומ. 2 (אַן ערך 10.000 יידן). מיט אַ טאָג שפּעטער ווערן די יידן פון פאַרשיידענע גאַסן ווי: פּאָהולאַנקע, יאַסינסקיעגאָ, קאַלוואַריסקע, אַנטאָקאָל, מיצקעוויטשאַ א. אַ. אַרויסגעפירט דירעקט אין לוקישקער טורמע, אָנשטאָט אין געטאָ אַריין. דעם 15טן סעפּטעמבער 1941 ווערן אַרויסגעפירט צום טויט 3000 יידן אונטערן אויסרייד, אַז מען פירט זיי פון געטאָ נומ. 1 אין געטאָ נומ. 2. דעם 1טן אָקט. 1941, אין דער יום־כיפּור־נאַכט, זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט 2250 יידן און פון געטאָ נומ. 2—1750 יידן. דעם 3טן אָקטאָבער 1941 זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט פון געטאָ נומ. 2 — 2000 יידן. דעם 16טן אָקטאָבער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ נומ. 2 צום טויט — 3000 יידן. דעם 24טן אָקטאָבער, ד. י., איז פאָרגעקומען די ערשטע אַקציע פון די אַ. ג. „געלע שיינען" אין געטאָ נומ. 1. ס'זיינען אומגעבראַכט געוואָרן 5000 יידן. דעם 28טן, 29טן, 30טן אָקטאָבער 1941 איז ליקווידירט געוואָרן געטאָ נומ. 2. ס'זיינען אומגעבראַכט געוואָרן 2500 יידן. דעם 3טן, 4טן, נאָוועמבער 1941 איז פאָרגעקומען די 2טע אַקציע פון די „געלע שיינען". אומגעבראַכט קרוב 1200 יידן. דעם 4טן דעצעמבער 1941, אַן אַקציע, וואָס ברענגט דעם טויט פון 600 יידן. דעם 5טן דעצעמבער 1941 אַקציע פון כלומרשטע „אונטערוועלט". טויט 90 יידן. דעם 20־21טן דעצעמבער אַקציע פון די אַ. ג. „ראָזע שיינען". אומגעבראַכט 400 יידן.

דעם 4טן יאַנואַר 1942 איז דעפיניטיוו געגרינדעט געוואָרן די פאַראייניקטע פּאַר־טיזאַנער אָרגאַניזאַציע (פ. פּ. אָ.). דאַן קומט אַ לפי ערך רואיקער פּעריאָד פאַרן

ווילנער געטאָ און עס אַנטשטייען פאַרשיידענע געטאָ־מוסדות. אין דער צייט קומען פאָר מאַסן־שחיטות אויף יידן אין די אַרומיקע ווילנער שטעטלעך.

דעם 5טן אַפּריל 1943 איז פאָרגעקומען אַ. ג. אַקציע „קאָוונע". אויס מורא, אַז דאָס רעשט יוגנט פון ווילנער פראָווינץ זאָל נישט אַנטלויפן צו די פאַרטיזאַנער, שיקט געסטאַפּאָ זיי אַריבער אין ווילנער געטאָ. נאָכן אָפּזיין דאָרט עטלעכע טעג שיקט מען זיי כלומרשט אין קאָוונער געטאָ, וואו עס איז דאָ מער פּלאַץ. אויפן וועג נאָך קאָוונע ווערן זיי אַריינגעפירט קיין פּאָנאַר. די פאַרפירטע זעען וואו זיי זיינען. מ׳ברעכט אויף די וואַגאָנעס און מען פרואווט אַנטלויפן. זיי ווערן מאַסאַקרירט אין די וואַגאָנעס און אויף די באַן־רעלסן. פון די 5000 יונגע, געזונטע, שטעטלשע יוגנט, האָבן זיך געראַטעוועט נאָר איינצלנע.

אין די ערשטע העלפט פון יולי 1943 זיינען די א. ג. גלאַזמאַן־טעג.

יוסף גלאַזמאַן איז דער וויצע־פּאָליציי־שעף פון ווילנער געטאָ. ער האָט דעם בעסטן נאָמען ביי די געטאָ־מאַסן. דער געטאָ־פאָרשטייער יעקב גענס מיט זיין געהילף דעם געסטאַפּאָווניק סאַלעק דעסלער באַשליסן פון אים פּטור ווערן. די יידישע פּאָליציי פרואווט אים אַ געשמידטן אין קייטן אַרויספירן פון געטאָ צו טאָרף־אַרבעט אויסערן געטאָ. פ. פ. אָ.־קעמפערס באַפאַלן די יידישע פּאָליציי און באַפרייען גלאַזמאַנען. אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרלאָזט ער מיט דער ערשטער גרופּע פאַרטיזאַנער דאָס געטאָ און קעמפט העלדיש אין די וועלדער פון ביי־נאַראָטש. אין אַ גרויסן אומגלייכן קאַמף איז ער מיט דער גאַנצער גרופּע אומגעקומען מיט אַ העלדן־טויט.

דעם 9טן יולי 1943 זיינען דערשאָסן געוואָרן 200 ווילנער יידן אין אַרבעטס־לאַגער קענע און 350 אין לאַגער בעזדאַן. די לאַגערן האָבן זיך געפונען לעבן ווילנע.

דעם 15טן יולי 1943 איז דער אַ. ג. וויטענבערג־טאָג.

אונדזערע צוויי שטאָטישע קריסטלעכע מיטאַרבעטער, די פאַרטיזאַנער וויטאס און קאָזלאָווסקי זיינען אַרעסטירט געוואָרן. וויטאס האָט זיך — ווי מען זאָגט — אין טורמע אויפגעהאַנגען. קאָזלאָווסקי האָט צוליב געסטאַפּאָ־ענויים אַרויסגעגעבן דעם נאָמען פון יצחק וויטענבערג, וועלכער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פ. פ. אָ. אין געטאָ. געסטאַפּאָ האָט פון גענסן געפאָדערט אַרויסגעבן וויטענבערגן אַ לעבעדיקן. די לאַגע איז געוואָרן אַן ערנסטע. דער שטאַב פון פ. פ. אָ. האָט די גאַנצע צייט זיצונגען און קען זיך נישט אַנטשליסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן. גענס און דעסלער לאַדן איין וויטענבערגן צו אַ שמועס וועגן דער געשאַפענער לאַגע. ווען ער זיצט אין קאַבינעט פון די געטאָ־מושלים זיינען אַריין צוויי ליטווישע פּאָליציאַנטן און אַרעסטירט וויטענבערגן (ס׳איז געווען פון פריער אַזוי צוגעגרייט).ביים אַרויסגאַנג פון געטאָ ווערן די ליטווישע פּאָליציאַנטן אָנגעגריפן דורך פ. פ. אָ.־קעמפערס און וויטענבערג ווערט באַפרייט. די לאַגע ווערט נאָך מער געשפּאַנט. דאָס געטאָ קריגט אַן אולטימאַטום פון געסטאַפּאָ, אַז אויב אין 3 שעה אַרום ווערט וויטענבערג ניט צוגעשטעלט צו געסטאַפּאָ, וועט זיך עס ענדיקן זייער שלעכט פאַרן גאַנצן געטאָ. אויף דער פאָדערונג פון די געטאָ־מאַסן, באַשליסט דער שטאַב, אַז וויטענבערג דאַרף זיך איבערגעבן צו געסטאַפּאָ און דורך דעם אָפּשטופן די ליקווידאַציע פון געטאָ אין דעם געגעבענעם מאָמענט. וויטענבערג גיט זיך איבער אין געסטאַפּאָ און קומט דאָרט אום מיט אַ מאַרטירער־טויט.

דעם 27טן יולי 1943 איז דער אָנהייב פון סוף פון דער עקסיסטענץ פון ערשטן געטאָ. דאַן ווערן אומגעבראַכט אַלע בריגאַדירן פון די אַרבעטס־איינהייטן. דעם 1טן אויגוסט 1943 ווערן אַלע יידן באַפרייט פון דער שקלאַפן־אַרבעט און בלייבן אין הערמעטיש פאַרמאַכטן געטאָ. די לאַגע ווערט אַ קאַטאַסטראָפאַלע. עס הערשט גרויס הונגער. דעם 6טן אויגוסט 1943, ווערט אַוועקגעשיקט דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין עסטלאַנד (אַן ערך 1000 יידן). פון 19טן ביזן 24טן אויגוסט ווערט געשיקט אַ צווייטער טראַנספּאָרט קיין עסטלאַנד.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1943 קומט פאָר דער ערשטער און לעצטער קאַמף מיט די דייטשן אין די מויערן פון געטאָ.

די לעצטע יידן ווערן דעפּאָרטירט. אויף סטראַשון־גאַס 12, איז איין פּונקט פון די פילע אין געטאָ, וואָס איז באַזעצט פון פ. פּ. אָ.־קעמפערס. ווען געסטאַפּאָ דער־נענטערט זיך צום הויז נומ. 12, אויף סטראַשון־גאַס, עפענען אונדזערע קעמפערס אַ פייער. אין דעם שיסעריי־דועל ווערט דערשאָסן דער קאָמענדאַנט פון דער גרופּע איליאַ שיינבוים. אין עטלעכע מינוט אַרום רייסט געסטאַפּאָ אויף מיט דינאַמיט דאָס הויז. אייניקע קומען אום. די איבעריקע ראַטעווען זיך דורך שפּרינ־גען פון די פענצטערס פון צווייטן שטאָק, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַנדער זייט פון הויף.

דעם 14טן סעפּטעמבער 1943, איז דערשאָסן געוואָרן דער געטאָ־פאָרשטייער יעקב גענס. דעם 16טן סעפּטעמבער 1943 זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן 1000 יידן אין אַ ה. ק. פּ.־לאַגער און 1000 יידן אין „קיילים״־לאַגער (ביידע לאַגערן האָבן זיך געפונען אין שטאָט גופא). דעם 23טן סעפּטעמבער 1943 ווערט ליק־ווידירט דאָס ווילנער געטאָ. ס׳ווערט אַרויסגעפירט אַן ערך 7000 יידן. אַלטע און קראַנקע ווערן אַרויסגעשיקט קיין פּאָנאַר צו פאַרניכטונג. גרופּעס פרויען און קינדער ווערן אַוועקגעשיקט קיין מיידאַנעק. די לעצטע גרופּע פּאַרטיזאַנער גייט אַרויס פון באַלאַגערטן געטאָ דורך אונטערערדישע קאַנאַלן און פון דאָרטן אין וואַלד אַריין.

דעם 15טן אַפּריל 1944 ראַטעוועט זיך אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעטביים אויסגראָבן די הרוגים פון די פּאָנאַרער־גריבער און זיי פאַרברענען. (די דייטשן האָבן שוין דאַן געזוכט צו פאַרווישן אַלע שפּורן פון זייערע מאָרד־טאַטן). די גרופּע האָט מאָנאַטן־לאַנג געגראָבן אַ טונעל און ס׳איז זיי געלונגען אויף אַ העכסט געוואַגטן אופן צו אַנטלויפן פון טויט. זיי זיינען געקומען צו די פּאַרטיזאַנער און אַזוי אַרום געבליבן לעבן.

אין וואַלד האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען אָפּגעטראָטן פון ווילנער געטאָ, געקעמפט זייער העלדיש און האָבן אַ סך בייגעשטייערט צו דער פאַרניכטונג פון דער דייטשער קריגס־מאַשין.

דעם 13טן יולי 1944 האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאָלפן דער אָנגרייפנדער אַרמיי שטורמען די שטאָט און זיי זיינען אַריין די ערשטע אין דער באַפרייטער ווילנע, זייענדיק די וועג־ווייזער פאַר די אַרמיי־טיילן.

# נאָכוואָרט

נאָכן פאַרלאָזן מיין געבורט־שטאָט ווילנע, איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען אין אַ גאַנצע ריי מערב־אייראָפּעאישע לענדער.

זוכנדיק וואו צו „באַגראָבן" אַן אָוונט אין רוים, איטאַליע, אין 1945 י., בין איך מיט מיינעם אַ חבר אַריין אין אַ קינאָ. ביים אַריינגאַנג זיינען נישט געווען קיין פּאָטאָס. ס'זיינען נאָר געווען אויסגעשטעלט גרויסע פּלאַקאַטן מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַן ערנסטן אויסדרוק פון פּנים. צוויי ווייסע קאָנווערטן מיטן אויפשריפט:
"Due lettere anonime".

געריכטנט האָב איך צו זען עפּעס אַ ליבעס־מעשה. צוויי בריוו. דערצו אַנאָנימע. וואַרשיינלעך אַ ריוואַלקע שיקט אַן אַנאָנימען בריוו צו איר קאָנקורענטקע א. אַ. וו. צו אונדזער ביידנס אַנגענעמער איבערראַשונג איז עס געווען אַ פילם וועגן אַ געהיימער דרוקעריי אין איטאַליע.

און באמת, מען האָט געקענט אויף די פּלאַקאַטן אויפשרייבן „די געהיימע דרוקעריי אין ווילנע" און עס וואָלט געשטימט . . . מער נישט דאָס, וואָס דאָ מאַכן די אַרבעט איטאַליענער ביי זיך אין לאַנד און אין אַ פריינדלעכן אַרום און מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ פיינדלעכן אַרום און נישט ביי זיך אין דער היים . . .

אויך דאָ איז דאָ די געסטאַפּאָ. זוכט די דרוקעריי און געפינט זי סוף כל סוף. נגישות און דערמאָרדונגען פאַר די, וואָס איז נישט געלונגען צו אַנטלויפן אין לעצטן מאָמענט. א. אַ. וו. אַט אַזוי כמעט פּינקטלעך, ווי ס'ווערט געשילדערט אין דער אויסגאַבע. ווען דאָס ליכט האָט זיך אָנגעצונדן האָבן כמעט אַלע צושויער געהאַט פאַרוויינטע אויגן.

אַלע פעלקער, וואו די נאַצישע קאַניבאַלן האָבן צייטווייליק געהערשט, האָבן נאָך דער מלחמה געשאַפן הערלעכע פּאַרטיזאַנערפילמען, נאָר מיר יידן, נאָך דאַן אַן אַ לאַנד, האָבן נישט עפּעס אַזוינס. אונדזער יידישע טעטיקייט איז פאַרוואָסערט געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם אונטערגרונד־קאַמף פון יענע יאָרן.

די ליטווישע און לעטישע דיוויזיעס זיינען באַשטאַנען כמעט הונדערט פּראָצענט פון יידן, ווייל זיי זיינען רעקרוטירט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד פון ליטווישע און לעטישע בירגערס, וואָס זיינען אַנט־

לאָפּן פון זייערע היימען, ווען די נאַצישע האָרדעס האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו די דאָזיקע לענדער. איבעריק צו זאָגן, אַז אַנטלאָפן צוליב מורא פאַרן דייטש זיינען כמעט נאָר יידן.

צי וויסן עס די בריטע יידישע מאַסן און דער עיקר די נישט־יידן ?

האָבן מיר דאָך געהאַט איבער אַ מיליאָן יידישע סאָלדאַטן און פּאַרטיזאַנער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. צי איז עס ריכטיק אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט וועגן אונדזער ביישטייער אין צעשמעטערן די נאַצישע קריגס־מאַשין ?

דאָ און דאָרט זיינען דערשינען באַשרייבונגען פון איינצלנע פּערזאָנען (דער עיקר וועגן אונדזער אומקום) וועגן אַ גאַנץ באַשרענקטן טייל פון אונדזער ביישטייער צום ווידערשטאַנד קעגן דער ברוינער בעסטיע, אָבער עפּעס אַ גראַנדיעזע שילדערונג פון דעם גאַנצן קאַפּיטל אין זיין פולן פאַרנעם איז נאָך עד־היום נישטאָ.

כ'האָב דעריבער באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו, כדי צו רעאַליזירן אַזאַ אויסגאַבע, וואָס זאָל אָנשלאָגן דער עיקר צו די ברייטסטע נישט־יידישע מאַסן.

כ'האָף, אַז כ'וועל געפינען צו דער אונטערנעמונג די פּאַסיקע מענטשן און מיטלען און פון מיין פּראָיעקט וועט ווערן אַ יש.

⁂

כ'וויל אויסדריקן מיין דאַנק מיינע הקדמה־שרייבערס, דעם געוועזענעם פּריוואַט־סעקרעטאַר פון איינעם פון די גרעסטע יידן, וואָס אונדזער דור האָט פאַרמאָגט, זאב זשאַבאָטינסקי ז״ל און היינטיקן ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע פון דער גרויסער ישראל־טאָג־צייטונג „הבוקר״, דעם פריינד אייזיק רעמבאַ; דעם פּראָמינענטן זשורנאַליסט נאָך אין דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע מיין לאַנדסמאַן דר. נ. סווערדלין; דעם זשורנאַליסט פון דער פאַר־מלחמהדיקער קאָוונע און רעדאַקטאָר פון דער געוו. פּליטים־צייטונג „בדרך״ אין רוים, דעם פריינד בערל כהן, פאַרן קאָרעגירן מיר די דאָזיקע אויסגאַבע; דעם ייוואָ אין ניו־יאָרק פאַרן שטעלן אין מיין רשות אייניקע אויסגאַבעס פון אונדזער געהיימער דרוקעריי.

די געהיימע דרוקעריי, וועלכע האָט זיך געפונען אין ווילנע האָט באַדינט נישט נאָר די דאָזיקע שטאָט, נאָר דעם גאַנצן אַרום און דערפאַר דאָס אונטערקעפּל: „פון יידישן אונטערגרונד אין ליטע און וויים־רוסלאַנד״.

י. ק.

# אינהאַלט:

▼

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 5

אַ פּאָר ווערטער פון אַ לאַנדסמאַן — — — — — — — — — — — — — 13

▼

אַ נייע פּויליש־דייטשע צייטונג — — — — — — — — — — — — — — 15

פּאַלשע דאָקומענטן — — — — — — — — — — — — — — — — 28

מיר נייטיקן זיך אין געלט — — — — — — — — — — — — — — — 31

מ׳וויל פון אונדז פּטור ווערן . . . — — — — — — — — — — — — 36

„זאָל ער שטאַרבן מיט זיין ׳נאַטירלעכן׳ טויט״ — — — — — — — 41

אַ געסטאַפּאָ־אַגענט אינעוויייניק — — — — — — — — — — — — 43

צעבראָכן אַ פינגער . . . — — — — — — — — — — — — — — 44

אַ געסטאַפּאָ־קאַפּיטאַן — מיין רעטער . . . — — — — — — — — 45

יאַן פשעוואלסקי — — — — — — — — — — — — — — — — — 48

די צייטונג וועט נישט דערשיינען — — — — — — — — — — — — 50

אין וואַלד אַריין — — — — — — — — — — — — — — — — — 53

מיין אַרבעט אין בריגאַדע־שטאַב — — — — — — — — — — — — 54

כ׳ווער פאַרוואונדעט — — — — — — — — — — — — — — — — 58

ערב דער באַפרייאונג — — — — — — — — — — — — — — — 62

מיט מאַרשאַל טשערניכאָווסקי — — — — — — — — — — — — — 63

זאָג ניט קיינמאָל *) — — — — — — — — — — — — — — — — 66

וויכטיקע דאַטעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 67

נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 70

די זייטלעך 17, 18, 19, 20 און 37, 38, 39, 40 זיינען די בילדער־טייל.